STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10439

KLEYN-SHALOM-ALEYKHEM

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליין-שלום-עליכם

טיפּן, בילדער, ווערטלעך און טייטש-ווערטלעך

פון **שלום-עליכמס** ווערק

בוך צוויי

צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבן

פון

יאָסל קוצענאָגי (קיץ)

ניו-יאָרק, 1942

KLEIN SHOLOM-ALEICHEM • SELECTIONS FROM THE WRITINGS OF SHOLOM-ALEICHEM • EDITED AND PUBLISHED 1942 BY JOSEPH KAITZ (KUTZENOGY) • SECOND VOLUME

•

פארלאג
„קיץ", ניו-יאָרק

געזעצט פון
משה האָלענדער

Printed in U. S. A.

יידישע גליקן:

גענדז

„די ירושה"

דער „מוצלח"

טביה ווערט רייך

מנחם־מענדלס „לאָנדאָן"

מנחם־מענדלס „פּאַפּירלעך"

מנחם־מענדל — אַ מעקלער

מיר פארפלייצן די וועלט מיט טינט.

אַ האַרציקסטן דאַנק —

אַלע אַבאָנענטן;

דער גרופּע חברים פון שלום-עליכם בר. 30, א. נ. א. פּ.: מאָריס און פּרץ וואָלטער, פּנחס און פּערל פּיי־גענבוים, הערמאַן ארקוש און יעקב גאָלדבערג פון יוניאָן סיטי און מיין טייערן חבר, דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער, ד״ר א. ל. שווארצבורג פון ברוקלין, פאַר מיטהעלפן מיר ארויסגעבן דאָס בוך;

מיינע טייערע חברים: אליהו און דבורה גאבי פון קענזעס סיטי; רחל ברוקער און אשר גינזבורג — שי־קאגאָ; יוסף ראדינאָווסקי — אָמאַהאַ; ישראל ראָזן און בען וועקסלער — סט. לואיס; אייזיק שערמאַן — פילאדעלפיע; מ. ניימארק — ריטשמאָנד, און לייזער קופערמאַן — וואָטערבורי, פאַר זייער מיטהעלפן מיר אין מיין אַרבעט;

און, אחרון אחרון חביב, דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון א. נ. א. פּ., דעם ליבן חבר לואיס סעגאַל, וועלכער האָט מיר אַ סך מיטגעהאָלפן צו פאַרשפרייטן דאָס בוך.

יאָסל קיץ.

גענדז:

כ׳האנדל מיט גענדז... איר מיינט אַט אַזוי נעמט מען דאָס און מ׳האנדלט? ראשית חכמה, הויבט זיך אָן אַזוי: קומט אָסיען-צייט, ארום נאָך-סוכות, הויבט מען אָן איינ-קויפן גענדז, און פּארוואַרפן די גענדז אויפן ווינטער אין שטייג אריין, און האָדעווען די גענדז, און אכטונג געבן אויף די גענדז; און קומט חנוכה, הויבט מען אָן די גענדז קוילען און מאכן פון גענדז גענלט. נאָר איר מיינט, אַז אַט אַזוי גרינג קויפט מען גענדז, און מ׳פּארוואַרפט גענדז, און מ׳קוילעט גענדז, און מ׳מאכט פון גענדז גענלט?

ערשטנס, דאָס קויפן גענדז. קויפן גענדז דאַרף מען האָבן מיט וואָס, קיין לאַגער-געלט, קיין קאַפּיטאַלן אייגענע, הייסט עס, איז דאָך נישטאָ. מוז מען לייען, אָנקומען צו רב אַלטערן. און רב אַלטערן קענט איר דאָך — ס׳איז אַ ייד, וואָס האָט ליב אויסקאָכן דאָס וואסער. דאָס הייסט, אָפּזאָגן זאָגט ער נישט אָפּ, נאָר ער הייסט קומען מאָרגן, מאָרגן — איבערמאָרגן, נעמט ארויס די נשמה. און ערשט נאָכדעם הויבט ער אָן ציען די קליי: שלעפּן פּראָצענט, צורעכענען טעג. ס׳איז אַ גוטער רב אַלטער! נישט אומזיסט האָט ער אַזעלכע פּיסקעס, און זי, די אַלטעריכע, מיין איך, האָט אַ פּנים — אויף אַלע מיינע ליבע, און אַ פּאָר באַקן — כאָטש אַ מעסער אָנצושאַרפן. — — —

איינקויפן גענדז . . . וואו קויפט מען גענדז? אויפן מארק, מיינט איר דאך מן הסתם? אוודאי-יא! מיר זאלן דארפן אלע גענדז צונויפקויפן אויפן מארק, וואלטן מיר גע-נאנגען אין גאלד! אז איר ווילט קויפן גענדז אויף מסחר, באדארפט איר זיך מטריח זיין אויפשטיין כאור, דעמאלט ווען גאט אליין שלאפט נאך, און ארויסגיין העט—ווייט הינ-טערן שטאט, אויף יענער זייט מילן. געפינט זיך אבער נאך איינע אזא קלוגעטשקע, ווי איר, און קומט-ארויס נאך פריער פון אייך אויף יענער זייט מילן. געפינט זיך נאך א קליגערע פון יענער אויך און קומט-ארויס נאך פריער — וואס טויג אייך, ס'ווערט א גאנצער יאריד און דארטן שטייט מען און מ'ווארט און מ'לאקערט, טאמער וועט גאט רחמנות האבן, א גוי וועט ארויסברענגען א פאר גענדזלעך, באפאלט מען אים מיט די גענדזלעך פון אלע זייטן. — — —

איינגעקויפט די גענדז, באדארף מען, הייסט עס, די גענדז פארווארפן אויפן ווינטער אין שטייג אריין. נאר איר מיינט, אז פארווארפן גענדז איז שוין גאר א גרינגע זאך? האט איר אויך א טעות! גוט איז צו פארווארפן גענדז, אז איך האב מיר מיין דירה מיט מיין קאמער, און איך בין מיר, ווי זאגט איר, איינע אויפן יאריד. ווי זשע איז אבער דער דין, אז איך בין געזעסן, נישט היינט געדאכט, נישט פאר קיין יידן געדאכט, שכנות ביי יענטען, קיין באזונדער קעמערל האב איך נישט געהאט, און די באלעבאסטע מיינע אליין, יענטע הייסט דאס, האט אויך אונטערגעהאנדלט מיט גענדז און מיט פסחדיקן שמאלץ — אנו, פרוווט, אשטייגער, האבן מיט יענטען גענדז אין איין קאמער און נישט פאטשן זיך מיט איר דריי מאל א טאג! האט איר אייך איין מאל אוועק. היינט פרוווט זייט א חכם און דערקענט, וועלכע

געגדז ס׳זענען אייערע גענדז און וועלכע גענדז ס׳זענען אירע גענדז? — — —

פארוואָרפן די גענדז, באַדאַרף מען נאָר זען, די גענדז זאָלן האָבן האָדיוועלע, דאָס עסן צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און ווייטער גאָרנישט. ווארעם גענדז איז נישט קיין קאטשקעס און נישט קיין עופות. קאטשקעס האָבן מורא פאר פאָקן, און עופות — פאר א טכויר, און גענדז באַדאַרפן נאָר עסן. און עסן — עסן גענדז אַלצדינג: גענדז עסן האָבער, גענדז עסן פראָסע, גענדז עסן קאשע, גענדז עסן, כ׳בעט איבער אייער כבוד, נאָך ערגערס . . .

אוי, אַ פרנסה גענדז? ! . . . דאָס הייסט, גענדז איז אַ פרנסה אפילו נישט קיין שלעכטע, און אז גאָט גיט אריין אין די גענדז די ברכה, קען מען אין די גענדז פארדינען אַ שיין קערבל. נאָר וואָס דען? דאָס טרעפט זיך איין מאָל אין צען יאָר. גיכער קען זיך מאכן, מ׳זאָל ביי די גענדז נישט פארדינען גאָרנישט — מ׳זאָל נאָך דערלייגן! היינט די האָרעוואָניע, וואָס אַרום די גענדז, איז אַזאַ גרויסע האָרעוואָניע, אַז ס׳איז כ׳לעבן נישט כדאי דער גאַנצער טאַרעראַם. איי, איז דאָך די קשיא: וויבאַלד אַז ביי די גענדז איז קיין פאַרדינסט נישטאָ, היינט צו וואָס באַדאַרף מען האַנדלען מיט גענדז? איז דער תירוץ: וואָס דען וועט מען טאָן, אַז איך האַנדל שוין אַזוי פיל יאָרן מיט גענדז? ! . . .

(גענדז)

די „ירושה“:

. . . געווען אַ ייד אַ חלפן, געשטאַנען מיט אַ טישל אין מארק און צעביטן קליין געלט, און דערפון געצויגן דאָס שטיקל ברויט. איז אָבער דער חיסרון וואָס פון חלפנות אַליין קען מען נישט לעבן: גיי, וואַרט, קוק־אַרויס אויף אַ

יידן, ביז ער וועט קומען אמאָל אויסבייטן אַ סערבל אויף מינץ, וועט מען פאַרדינען אַ האַרטן צוויייער. וואָס-זשע טוט מען? באַדאַרף מען זיין דערצו אַ שטיקל — — — סוחר: קויפן אמאָל אַן אַלטע מטבע אין גליכן געלט, אמאָל אַ חפץ, אַן אַלטן הדס, אַ זילבערנע גאָלקע פון אַ שטעקל, אביסל ברוך, און אָט אַזוי ווערט מען פון אַ חלפן אַ שטיקל סרע-מער, דאָס הייסט, מ׳דינגט אָפּ אַ לאָך און מ׳שלאָגט צו אַ בלעטל: „קויפט און פאַרקויפט״, — ווערט שוין גוט. ס׳קומט אַריין אַמאָל אַ פּריץ, אַ פּריצה, אַ ייד, אַ שוואַרץ יאָר, ער קויפט, פאַרקויפט, בייט-אויס שילע נאַ שווייקע, צי מ׳פאַר-דינט, צי מ׳דערלייגט — גאָרניט, מ׳האַנדלט.

ויהי היום, איינמאָל, פאַר נאַכט איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי פאַרטראַכט, קיין פדיון איז ניטאָ, עפנט זיך די טיר און ס׳קומט-אַריין צו מיר אין געשעפט אַריין עפּעס אַ פּריץ אַ מאַגנאַט, הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגע-שפּאַרט מיטן קאָפּ דעם בוידעם, מיט צוויי מוראדיקע וואָנ-סעס, מיט אַ מין נאָז . . . — — — — זעצט זיך אַוועק און באַ-טראַכט מיין קראָם, פרעגט זיך נאָך אויף איטלעכער זאַך, וואָס קאָסט דאָס, וואָס קאָסט יענעס, רעדט מיט מיר אויף פּויליש, פאַרשטיי איך, אַז ס׳איז אַ פּאָליאַק, נאָר קויפן קויפט ער גאָרניט. „פונוואַנען איז אַ פּריץ?״ פרעג איך אים. זאָגט ער: „איז וואַרשאַוויאַ״. „וואָס טוסטו הי?״ זאָגט ער „ניץ ניע ראַביע״ — גאָרנישט, הייסט דאָס. אויף מאָרגן — נאָכ-אַמאָל דאָס אייגענע: אַריינגעקומען, געזעסן, געקוקט, געבע-בעט — גאָרנישט. אויף איבערמאָרגן ווידער דאָס אייגענע און אַזוי אַלע טאָג.

„ווי געפעלט דיר די שטאָט, פּאַני גראַביע?״ — פרעג איך אים. זאָגט ער: זייער אַ פיינע שטאָט, און ניט אַזוי די שטאָט, זאָגט ער, ווי די מענטשן, און ניט אַזוי די היגע

מענטשן ווי די היגע יידן; פון יידן האלט ער אן עולם ומלואו, מחמת יידן, זענען, זאגט ער, זייער א פיין פאלק. — — — — בקיצור, דער פריץ איז געווארן ביי מיר א היימישער פריץ און זייער-זייער אן אפטער גאסט. כ'וויים אליין ניט פאר-וואס, נאר מיר זענען געווארן מיט אים נפש אחת, זיך ליב געקראגן פשוט איינס דאס אנדערע, אנגעהויבן אריין קומען איינס צום אנדערן, ער צו מיר אלע פרייטיק-צו-נאכטס אויף שבתדיקע פיש, איך צו אים שבת ביי טאג אויף א גלעזל טיי. ווער ער איז, און וואס ער איז — האב איך נישט אנגעהויבן צו וויסן. כ'האב נאר געהערט, אז ער איז א גראף, און רופן רופט מען אים דאמבע-דעמבא-דעמביצקי. — — — און וואוינען וואוינט ער הינטער דער שטאט ביי זיינע צוויי שוועסטער, וואס מ'רופט זיי ביי אונז „די באַרישניעס" און וואס יידע אין איינעם זענען אלט אריבער א מאה. די דא-זיקע מיידלעך זיצן שטענדיק פארשפארט, האבן מורא פאר א מענטשן, קיין בן אדם האט נאך ניט געהאט די זכיה זיי צו זען, און איך אויך נישט. און איטלעכס מאל, ווען כ'האב מיט אים געוואלט מאכן א שמועס פון זיינע שוועסטער — פלעגט ער נאר א מאך טאן מיט דער האנט, זיך נעמען צום לאנגן ציבעק און פארשלאגן די רייד.

איינמאל, זיץ איך מיט אים אזוי שבת ביי טאג און מיר טרינקען טיי, רופט ער זיך אן צו מיר פלוצעם פון דער הע-לער הויט: „זאג מיר נאר, פאני מאשקע, וויפיל שאצסטו מיך?" זאג איך: „כ'פארשטיי ניט וואס דו מיינסט, פאני גראביע". מאכט ער צו מיר: „וויפיל, מיינסטו, אשטייגער, פארמאג איך?" זאג איך צו אים: „וויפיל דו פארמאגסט ווינטש איך דיר, דו זאלסט פארמאגן צען מאל אזוי פיל". מאכט ער צו מיר ווייטער: „אליע נאפשיקלאד?" דאס הייסט, ער וויל, איך זאל אים נאר שאצן וויפיל ער פאר-

מאַגט! בין איך מיך מיישב: ס׳קאָסט מיך געלט? און כאַפּ מיך אַרויס מיט די רי״ש אלפים! אַז מיין פּריץ הויבט זיך גיט אָן צו קאַטשען, ווי גרויס ער איז, און טרייסלען זיך און לאַכן אויף אַזעלכע קולות, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט, חלילה, פּלאַצן פון געלעכטער. „טי יעסטעש וויעלקים דור־ניעם, מאָשקע!" מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גוט אָנגעלאַכט; דאָס הייסט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר.

„איך פאַרמאָג, זאָגט ער, אויף מיין חלק אַליין נישט מער און נישט ווינציקער פון דריי און דרייסיק מיליאָן. און מיר אַלע דריי, איך מיט מיינע צוויי שוועסטער, הייסט דאָס, פאַר־מאָגן מיר ניין־און־ניינציק מיליאָן!" און נישט לאַנג גע־טראַכט, גייט ער צו צום שיפלאָד און נעמט מיר אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און טראָגט מיר אונטער די פּאַפּירן גלייך אין פּנים אַריין און זאָגט צו מיר: „נאַ, באַטש!" זע, הייסט דאָס! וואָס זאָל איך זען? איך זע פּאַפּירן מיט שטעמפּלען אַ סך, נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט! „דו זעסט, זאָגט ער צו מיר, אָט די דאָזיקע חתימה? דאָס איז די חתימה פונעם פּרעזידענט אַליין, פון אַמעריקע, צוגעשיקט גלייך אויף מיין נאָמען פון סאַן פראַנציסקאָ, פון קאַליפאָרניע". מילא קאַליפאָרניע היינט, קאַליפאָרניע מאָרגן, אַז איך ווייס ניט מיט וואָס מ׳עסט דאָס! „ווייסטו וואָס פאַניע מאָשקע, מאַכט ער צו מיר, לאָמיך דיר באַטש דערציילן, ווער איך בין — וועסטו פאַרשטיין וואָס דאָס איז פאַר פּאַפּירן און ווער איז דער גראַף דאָמבע—דעמבאָ—דעמביצקי". אַזוי זאָגט ער צו מיר, דער פּריץ הייסט דאָס, און פאַררויכערט דעם לאַנגן ליולקע־ציבעק און הויבט מיר אָן צו דערציילן אַ גאַנצע מעשה. — — —

קומען קומט ער אַרויס, זאָגט ער, פון די אמתע דאָמבע־

דעמבאָ-דעמביצקים, פון די ערשטע אַלטע פּוילישע מאַג־נאַטן, געבונדן מיט די פּאָטאָצקים, מיט די ליובאָמירסקים און מיט די זאַמאָיסקים, געשפּילט אַמאָל די גרעסטע ראָלע אין דער וועלט, געהאַט אייגענע אימעניעם גרויסע אויף טויזנ־טער קאָמפּעדראַטנע ווערסטן, מיט וועלדער אַזעלכע, וואָס קיין פוס פון קיין מענטשן איז דאָרט נאָך קיינמאָל ניט גע־ווען, מיט די שענסטע פּאַלאַצן, גערטנער, אָראַנזשערייען, מיט די ברענענדיקע פערד, מיט די שיינע קאַרעטעס, מיט די גרויסע טייערסטע הינט, און אַז מ׳איז ביי זיי אַרויסגעפאָרן, זאָגט ער, „נאַ פּאָלאָוואַניע“, אָדער „נאַ ספּאַצער“, איז אַ יעגער פון פאָרנט, אַ יעגער פון הינטן, זעקס פערד נאַ־שפּיץ — ערדציטערניש! היינט די קעלערס זייערע מיט די בעסטע ווייַנען, מיט די אַלטע בראָנפנס, מיט די גוטע סטאַרקעס, מיט די אמתע קאָניאַקן, מיט די עכטע פּוילישע מעדן און גע־שמאַקע נאַליווקעס, וואָס, אַז מ׳עפנט אויף אַ פלעשל, שפּרינגט אַרויס דער קאָרעק און ס׳גייט אַזש אַ רויך. — — —

— היינט געלט, מזומן געלט און באַנקאָווע בילעטן, זאָגט ער, איז געווען אַזוי פיל, אַז אויף שניידן קופּאָנעס האָט מען געהאַלטן באַזונדערע מענטשן, וואָס זענען געזעסן מיט שערלעך פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און מ׳האָט געשניטן און געשניטן. — — —

זענען זיי געווען, הייסט דאָס, אונגעהייער רייך און גע־שפּילט די גרויסע ראָלע ביז . . . ביזן פּוילישן מיאַטעזש. און אַז ס׳איז געקומען דער פּוילישער מיאַטעזש, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע מאַיאָנטקעס מיטן טיטול גראַף, — — — און זיי האָבן נעבעך געמוזט אָפּטרעטן, גע־נומען אויף זיך דעם גלות, צעקראָכן געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, דער אַהער, דער אַהין, און געבליבן זענען זיי נאָר אין דרייען: ער, הייסט דאָס, און זיינע צוויי שוועסטער,

מיידלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעהאַלטן ביי זייערן אַן אַלטן פֿעטער, אויך אַ דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי, און פֿון יענעם פֿעטער האָבן זיי געהערט, אַז ער האָט אַ יינגערן ברודער סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי אין אַמעריקע ערגעץ, אין קאַליפֿאָרניע, נייט אים דאָרטן זייער גוט. — — — —
פּלוצעם, מיט עטלעכע יאָר צוריק, קומט זיי אָן אַ ידיעה, אַז אין אַמעריקע, אין פֿילאַדעלפֿיע, אין דער שטאָט סאַן פֿראַנ־ציסקאָ, איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געשטאָרבן איינער אַ סטאַניסלאַוו דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקי און האָט איבערגע־לאָזט זייער אַ גרויס פֿאַרמעגן אין די בענק מיט אַ צוואה, אַז דאָס געלט זאָל ליגן פֿינף און צוואַנציק יאָר און ס׳זאָל וואַקסן אויף דעם פּראָצענט, און אַז ס׳וועלן איבערגיין די פֿינף און צוואַנציק יאָר, זאָל מען דאָס צעטיילן צווישן זיינע קרובים, איטלעכן באַזונדער אַ גלייכן חלק. און אַזוי ווי פֿון אַלע דאָמבע־דעמבאָ־דעמביצקים זענען פֿאַרבליבן נאָר ער, מיין פּריץ הייסט דאָס, מיט זיינע צוויי שוועסטער, לכן זענען זיי די איינציקע יורשים אויפֿן גאַנצן פֿאַרמעגן, וואָס טרעפֿט אָן אַצינד, ווי איך האָב אייך געזאָגט, ניין־און־ניינציק מיליאָן, דאָס הייסט פּונקט צו דריי און דרייסיק מיליאָן אויף אַ חלק. — — —

דערהערט פֿון אים אַזאַ מעשה, פֿאַרשטייט איר דאָך, ווי אַזוי איך בין אונטערגעשפּרונגען און זאָג צו אים, צו מיין פּריץ הייסט דאָס: „סטייטש, אדוני פּריץ, ניין־און־ניינציק מיליאָן, וואָס שווייגסטו?“

מאַכט ער צו מיר: „ביסט אַ נאַר, דאָ העלפֿט ניט קיין שרייען! מ׳דאַרף, זאָגט ער, פֿאָרן און נעמען געלט“. „נו, זאָג איך, פֿאָרט מען און מ׳נעמט געלט!“ „אָט אַזוי גיך, זאָגט ער, פֿאָרט מען און מ׳נעמט געלט? מ׳דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך אַן אַדוואָקאַט, און פּאַפּירן אַ סך דאַרף מען

אַרויסנעמען; דאָס קען מען ניט מאַכן כאַפּנדיק; מ׳דאַרף דערצו האָבן, זאָגט ער, געדולד און געלט, זאָגט ער, געלט, פּיעניאָנדזע!״ . . . אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם ליולקע-ציבעק גאַנץ רואיק. און איך? איך ברען, איך גלי, איך עס מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַני מאַשקע, זאָגט ער, וואָס ביסטו אַזוי צעקאָכט?״ „סטייטש, זאָג איך, אַזאַ מטמון מיט געלט! אַזאַ אוצר! אַ קלייניקייט: ניין-און-ניינ-ציק מיליאָן!? פון אונטער דער ערד, זאָג איך, וואָלט איך אויסגעגראָבן געלט אויף הוצאות און וואָלט אַוועקגעפּאָרן נאָך די מיליאָנען!״ אַזוי זאָג איך צו אים, און ער זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק, פּיפּקעט דעם ליולקע-ציבעק, טוט זיך אפילו ניט אַ קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טון? זאָל איך מיך מפקיר זיין צוליב די מיליאָנען? דאָס לעבן איז טייערער!״ בקיצור, וואָס זאָל איך איך דערציילן?

איך האָב מיך גענומען צו מיין פּריץ אים פּיקן אין קאָפּ אַריין אַלע טאָג, אַלע טאָג: „פּריצאָניו, וואָס שווייגסטו? איך וועל מיך פּרואוון, זאָג איך, ביי מיינע יידן, טאָמער וועל איך קריגן פון דיינעטוועגן די עטלעכע קערבלעך, וואָס מ׳דאַרף״. „מהיכא-תיתי, מאַכט ער, אַז דו ווילסט, פּרואוו זיך, אפשר וועסטו קריגן? איך וויים, זאָגט ער, אַז מיט יידן קען מען אַלצדינג מאַכן, וואָרעם יידן זענען, זאָגט ער, אַ רייך פאָלק און אַ קלוג פאָלק און אַ פאַרשטענדיק פאָלק. אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט ער, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי יידן!״ — — —

— שאַ, וואו-זשע האַלטן מיר? יאָ, ביי אונדזערע יידעלעך. אונדזערע יידעלעך זענען, ברוך-השם, אַזאַ פאָלק, וואָס קאַטאָרע זיי וועלן אייך קויפן און פאַרקויפן, האַנדלען — וואַנדלען, דריי-שמיי, וואָס איר ווילט, כל השפּעקולאַציעס שבעולם! דערציילט זיי אויפן הימל אַ יאַריד — וועלן זיי

אוועקוואַרפן האַס און פּאַס און פּליען גלייך אין הימל אַריין און שפּרינגען אין פייער אַריין; און קומט לייגט זיי פאַר אַ ריין געשעפט, אַ כשרע ירושה, אַ מזומנע זאַך, וואָס אַט ליגט דאָס, גיי הויב עס אויף און נעם עס צו — ניין, איז ניטאָ קיינער אין דער היים! וואָס איז די מעשה? ס׳איז צו גוט, זאָגן זיי, צופיל געלט, צו אַ גרויס גליק — און גיי מאַך מיט זיי! ס׳טייטש, בהמות בצורת אדם, ניין-און-ניינציק מיליאָן! ניין, זאָגן זיי, מיר זענען אייך מוחל די מיליאָנען, גיט אונדז בעסער אַ געשעפט פון טויזנטער . . . אַנדערע מאַכן נאָך חוזק, דאָס גרעסטע געלעכטער, לצעווען אויף וואָס די וועלט שטייט: „וואָס הערט זיך מיט א י י ע ר ע מיל-יאָנען?“ ס׳איז מיר געווען, הערט איר, אַ בזיון פאַר מיין פּריץ, וואָס האַלט אַזוי פון יידן, לויבט זיי אין טאָג אַריין, רעכנט זיי פאַר די ערשטע חכמים אין דער וועלט — צום סוף, נאַט אייך, ריינע בהמות, כשרע קעלבלעך, פערד, ווי איך בין אַ ייד, פערד! תחילת האָבן זיך אפילו יאָ געפונען אַ פּאָר מענטשלעך, וואָס האָבן איינגעשטעלט עטלעכע קערב-לעך אויף הוצאות. נאָר אַז ס׳איז געקומען, מ׳האָט באַ-דאַרפט האָבן נאָך הוצאות, פּאַפּירן, דעפּעשן, האָבן זיי זיך מיישב געווען: סטאָפּ!

— וואָס איז די מעשה?

גענוג, זאָגן זיי, ס׳איז ביי זיי ניט קיין קוואַל, זאָגן זיי, אַ ברונעם נעמט זיך אויך אויסעט . . . געפעלט אייך אביסל חכמים? זיי וואָלטן אַ בעלן געווען אויף מיליאָנען און ס׳זאָל זיי קיין געלט ניט קאָסטן! געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין! אַנדערע האָבן אָפּגעשוויגן, און פון אַנדערע האָבן מיר נאָך געהאַט בזיונות אויך; זיי האָבן געסטראַשעט מיטן פּראָקוראָר . . . וואָס דאַרפט איר מער, אַז זיי האָבן אַרויס-געפירט מיין אייגן ווייב, זי זאָל ביי מיר נעמען גט. — — —

וואָס טויג אייך, מיר האָבן זיך געמוזט גטן, און פאַר גריזאָטע מיט בזיון בין איך אָפּגעטראָטן פון מיין שטאָט און בין אריבערגעפאָרן אהערצוצו, קיין יעהופּעץ, אין איינעם מיט מיין פריץ, הייסט דאָס, זוכן, טאָמער וועלן מיר דאָ גע-פינען געלט אויף הוצאות. פאָרט אַ גרויסע שטאָט מיט אַלערליי געשעפטן, מיט מעקלערס אַ סך, מיט מענטשן, וואָס ווילן, חלשן פאַרדינען אַ קערבל . . .

(די פריילעכע קאָמפּאַניע)

דער „מוצלח״:

אַליין איז דער יונגערמאַן פון זשוואַנעץ, אָן איידעם איז ער געווען פריער אַ לאַדיזשינער און נאָכדעם אַ סאָראָ-קער, באַזעצט האָט ער זיך אין קאַטערינעסלאַוו, און דאָרט איז ער אַרויסגעפאָרן מיטן ערשטן געשעפט, אָנגעהויבן האַנד-לען מיט גאָלד, דאָס הייסט, חברה האָבן אים פאַרקויפט עט-לעכע זעקלעך גאָלד, צוגענומען דאָס גאַנצע ביסל מזומנס, און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז געהאַנדלט האָט ער זאַמד. איז אים געוואָרן שלעכט, כאַטש וואַרף זיך אַ לעבעדיקער אין דניעפּער אַריין, האָט ער גענומען דאָס שטעקל, אַרויס אויף דער בערזע, צונויפגעפירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, גע-מאַכט עטלעכע קערבלעך און מודיע געווען אין די גאַזעטן, אַז ער זוכט אַ געשעפט מיט אַ שותף. ס׳האָט לאַנג ניט געדוי-ערט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שותף מיט אַן אייזנגעשעפט, דאָס הייסט, ער האָט געקויפט מיטן שותף אַ שטיקל ערד ביי קריוואָראָג, עפרות-זהב. מ׳האָט זיי געוואָלט געבן דער-פאַר כמה אלפים אָפּטרעט-געלט. האָט ער געזאָגט: אָדער אַ האַלבן מיליאָן, אָדער גאָרניט. איז געוואָרן גאָרניט.

האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו ערד-קוילן, דערטאַפּט

אַן אינזשינער אַ דייטש, דאָס הייסט, אַ ייד וואָס רעדט דייטש, און האָט געדונגען מיט אים אַ שאַכטע און דווקא אין גלייכן געלט, און מ'האָט זיך אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט, גראָבן קוילן. האָט זיך געעפנט אַ קוואַל, מ'ווייסט ניט פונוואַנען, אַ מבול. האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי מאַשינען אויף אויספּאָמפּן דאָס וואַסער. אָט פּאָמפּעט מען, אָט קומט אָן נאָך — אַ מעשה אָן אַן עק. האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויפן דייטש און האָט זיך באַקענט מיט אַ יידן, וואָס קויפט צונויף אייער, אָנגעשלאָגענע, ניט קיין פרישע, און מאַכט פון די געלעכלעך עפּעס אַ מין זאַך. איך האָב פאַרגעסן ווי אַזוי מ'רופט דאָס. דאַרף זיך טרעפן, אויף זיין גליק פּלאַצט אַ מאַשין, און דער ייד מאַכט פּליטה און לאָזט אים איבער איינעם אַליין מיט די צעשפּאָלטענע אייער. האָבן זיי באַקומען אַזאַ ריח, אַז מ'האָט אים געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. האָט ער געמוזט איינמאָל ביינאַכט אַרויסשפּרינגען דורך אַ פענצטער און מאַכן אַ ויברח — און לאָז זיך קאַטערינעסלאַוו האַלטן מיט די אייער.

אביסל געלט האָט ער געהאַט, איז ער אַוועק פון דאָרטן קיין קרעמענטשוק און האָט געעפנט מיט איינעם בשותפות אַ פאַבריק פון גילזעס. באַדאַרף ער אָנטרעפן אויף אַ שותף, וואָס איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון שאַך. און אַזוי ווי ער אַליין איז אויך אַ ליבהאָבער פון שאַך, ער קאָן אַוועקזיצן זאָגט, ער, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ניט עסן, ניט טרינקען, ניט שלאָפן, אַבי שפּילן אין שאַך, האָבן זיי ביידע אַזוי לאַנג געשפּילט אין שאַך, ביז זיי זענען געבליבן ביי די ליידיקע קעסטלעך אָן גילזעס. וואו זענען אַהינגעקומען די גילזעס — ווייסט מען ניט. דערווייל האָט ער דערהערט, אַז איינער אַן אַפּטייקער אין אַ קליין שטעטל, ניט ווייט פון קרעמענטשוק, פאַרקויפט אויס אַ גאַנצע קראָם מיט פאַרשידענע סחורות

בזיל הזול, טאקע א כשרע מציאה. איז ער אוועק און האט אפגעהאנדלט בחצי-חנם דאס גאנצע ראמשל און האט זיך גענומען פאקעווען די סחורה, און ס'איז אים געשטאנען דערביי פארדינען א מטמון מיט געלד. דארף זיך טרעפן אן אומגליק, אז צווישן דער סחורה זאל זיך געפינען א קעסטל פולווער. האט זיך מיישב געווען דאס קעסטל פולווער, פארנדיק אין וואגאן, און טוט א שאס און צעשיסט דעם וואגאן און שיסט אפ א פוס דעם קאנדוקטאר — ער איז קוים ארויס מיטן לעבן.

וואס זאגסטו אויף דעם „מוצלח"? ער זאגט אליין אויף זיך, אז ער טוט א קוק אריין אין טייך אריין — פגרן אויס אלע פיש. ווי דו קוקסט אים אן, איז ער צו די צרות נאך א ווערטל-זאגער אויך. אליין איז דאס א קליינטשיקס און א רירעווודיקס, מיט ברענענדיקע אייגעלעך. דאס קאפעליושל איז ביי אים פארריקט אהינטער, די הענט אין די קעשענעס, און דער מוח ארבעט — קאמבינאציעס, אן א שיעור קאמבינאציעס! ער זאגט, אז ער מוז „געפרעמענא" זיין א מיליאנער, א ניט — הויבט ער זיך אויף און פארט אוועק קיין אמעריקע. דארט האט ער שוין גאר קיין דאגה ניט.

(א בכבודע פרנסה)

טביה ווערט רייך:

— האב צייט, זאג איך, גאלדע, דו וועסט אלץ וויסן. דו צעבלאז נאר, זאג איך, דעם סאמאוואר, און נאכדעם וועלן מיר זיך ארומזעצן אלע ארום טיש, זאג איך, טרינקען צו גלעזלעך טיי, ווי ס'געהער צו זיין. א מענטש, זאג איך, לעבט איין מאל אויף דער וועלט, נישט קיין צוויי מאל, ובפרט, זאג איך, אז מיר האבן שוין איצט אונדזער אייגנס א בהמה

פון פיר און צוואַנציק גלעזער אַ טאָג; מאָרגן, אם ירצה השם, ברענג איך זי צו פירן. אַנו, גאָלדע, — מאַך איך צו איר נאָכדעם, און כאַפּ אַרויס דעם גאַנצן פּאַק אַסיגנאַציעס. — אַנו, זיי אַ בריה און טרעף וויפיל געלט האָבן מיר דאָ?

איך טו אַ קוק אויף מיין ווייב — זי איז אויס מענטש, טויט ווי די וואַנט, קאָן קיין וואָרט נישט אויסריידן.

— גאָט איז מיט דיר, גאָלדע סערדצע, זאָג איך, וואָס האָסטו מורא, זאָג איך, טאָמער האָב איך דאָס געגנבעט אָדער געגזלט? פּע, זאָג איך, מעגסט זיך שעמען! ביסט טביהס ווייב שוין אַזאַ צייט און קאָנסט אויף מיר איבערטראַכטן אַזאַ מעשה? נאַרעלע, זאָג איך, דאָס איז כשר געלט, פאַרדינט ערלעך מיט מיין אייגענעם שכל און מיט מיין האָרעוואַניע; איך האָב, זאָג איך, מציל געווען צוויי נשמות פון אַ גרויסער סכנה, זאָג איך, ווען ניט איך, גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט זיי געווען! . . .

בקיצור, איך האָב איר דערציילט די גאַנצע מעשה, פון אלף ביז תו, ווי אַזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפירט אַרום און אַרום; און מיר האָבן זיך גענומען ביידע איבערציילן דאָס געלט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — דאָרט איז געווען פּונקט צוויי מאָל ח״י און איינס אַן איבעריקס, האָט איר אַ קיימאַ-לן, הייסט דאָס, פון זיבן און דרייסיק קאַרבן! . . . מיינע האָט זיך אַזש צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, זאָג איך, נאַרישע יידענע?

— ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, זאָגט זי, אַז ס׳וויינט זיך? אַז דאָס האַרץ איז פול, זאָגט זי, גייען די אויגן אי־בער. גאָט זאָל מיר טאַקע, זאָגט זי אַזוי העלפן, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען מיט אַ גוטער בשורה. איך געדענק שוין ניט, זאָגט זי, די צייט, ווען די באָבע צייטל, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, זאָל מיר קומען צו

חלום. איך ליג און שלאף. פלוצעם חלומט זיך מיר א מעלק-שעפל, א פולס, ווי אן אויג; די באבע צייטל, עליו השלום, טראגט דאס מעלקשעפל אונטערן פארטוך, מ׳זאל חלילה ניט געבן קיין גוט אויג, און די קינדער שרייען: מאמע, מאני!...

— כאפ נאר ניט די לאקשן פאר שבת, זאג איך, נשמה מיינע; לאז די באבע צייטל האבן א ליכטיקן גן-עדן, זאג איך, ווייס איך נאך ניט, צי מיר ועלן פון איר עפעס האבן; נאר אז גאט, זאג איך, האט געקאנט טון אזא נס, אז מיר זאלן האבן א בהמה, וועט ער מסתמא זען, אז די בהמה זאל זיין א בהמה... גיב מיר בעסער אן עצה, גאלדע סערדצע, וואס טוט מען מיטן געלט?

— אדרבה, מאכט זי צו מיר, וואס רעכנסטו צו טון, טביה, מיט אזוי פיל געלט, קיין עין-הרע?

— אדרבה ואדרבה, זאג איך, וואס, רעכנסטו, קאנען מיר מאכן, קיין עין-הרע, מיט אזא קאפיטאל? — און מיר האבן ביידע גענומען טראכטן אהין, אהער, דאס, יענעס, גע-בראכן זיך דעם קאפ, אויסגערעכענט וואו ערגעץ א געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאכט האבן מיר איבערגעהאנדלט מיט וואס איר ווילט: געקויפט פערדלאך א פאר און באלד טאקע זיי פארקויפט מיט רווחים; געעפנט א באקאליינעם קלייט אין בויבעריק, אויסגעפארקויפט די סחורה און באלד געעפנט א שניטקראם; געהאנדלט א שטיקל וואלד, געכאפט אפטריט-געלט עטלעכע קערבלעך און אנטלאפן; געפרואווט אויסדינגען די אנאטעווקער טאקסע, נעמען דעם „פראיעקט", געמאכט אביסל הלוואה, אפגעגעבן דאס געלט אויף פרא-צענט...

— משוגע מיינע שונאים! — רופט זיך אן מיין ווייב. — דו ווילסט צעפלעכטן די עטלעכע גראשנס, בלייבן מיטן בייטשל?

— וואָס דען, זאָג איך, האַנדלען מיט ברויט און נאַכ־דעם בלייבן אָן אַנזעצער איז שענער? קאַרג, זאָג איך, ווערט חיינט די וועלט בדיל־הדל פון ווייץ? גיי, זאָג איך, האָרך, וואָס אין אָדעס טוט זיך!

— וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אָדעס? מיינע אבות־אבותינו זענען דאָרט נישט געווען און מיינע קינדער וועלן דאָרט נישט זיין, כל־זמן איך לעב און די פיס טראָגן מיך.

— וואָס־זשע ווילסטו? — זאָג איך.

— וואָס איך וויל? — זאָגט זי. — איך וויל זאָלסט ניט זיין קיין לעקיש און נישט רעדן קיין נאַרישקייטן.

— אוודאי, זאָג איך, ביסטו איצטערט אַ חכמה, ווי זאָגט מען, אַז ס'קומען די מאות, קומען די דעות, און אַז מען איז אַ פ ש ר רייך, איז מען געווים קלוג . . . ס'איז תמיד אַזוי!

בקיצור, מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל צעקריגט און טאַקע באַלד איבערגעבעטן, און ס'איז ביי אונדז געבליבן דער פּלאַן, מיר זאָלן צו דער מאורע בהמה צוקויפן נאָך אַ בהמה אַ מעלקעדיקע, וואָס גיט מילך . . .

ווערט איר דאָך מסתמא פרעגן אַ קשיא: וואָס עפּעס אַ בהמה, פאַרוואָס ניט קיין פערד? וועל איך ענטפערן: וואָס עפּעס אַ פערד, פאַרוואָס ניט קיין בהמה? בוייבעריק איז דאָך אַן ערטל, וואָס ס'קומען זיך צונויף אַהינצו אויף זומער אַלע יעהופּעצער נגידים אויף די דאַטשעס, און אַזוי ווי די יעהו־פּעצער לייט זענען אַלע זייער איידעלע מענטשן, וואָס זענען געצויגן, מ'זאָל זיי אַלצדינג ברענגען גרייטס, גלייך אין מויל אַריין: פון האָלץ און פון פליש און פון אייער, הינער, ציבעלעס, פּעפער, פּעטרישקע, — פאַרוואָס־זשע זאָל זיך ניט געפינען איינער אַזעלכער, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען ברענגען זיי אַלעמאָל אין שטוב אַריין קעז און פּוטער און

סמעטענע וכדומה? וועדליק די יעהופעצער האלטן פון דער אבילה און דאָס קערבל איז ביי זיי, ווי זאָגט איר, א ממזר, קאָן מען דאָך לייזן שיין געלט און פארדינען דערביי טאקע גראָב. דער עיקר, אבי די סחורה זאָל זיין סחורה; און אזא סחורה, ווי ביי מיר, קריגט איר דאָך ניט אין יעהופעץ אפילו. איך זאָל האָבן די ברכות מיט אייך אין איינעם, וויפיל מאָל גרויסע לייט, קריסטן, בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל זיי ברענגען פרישע סחורה: „מיר האָבן געהאָרכט, זאָגן זיי, טעוול, אז דו ביסט אן אָרענטלעכער מאָן, כאָטש דו ביסט א ייד, א פארך"... מיינט איר, פון יידן וועט איר האָרכן אזא קאָמפלימענט? ווי לאנג קרענקען מיינע שונאים! קיין גוט וואָרט הערט מען נישט פון אונדזערע יידעלעך. זיי וויזן גאָר ארייננקוקן יענעם אין טעפל אריין. מ'האָט דערזען ביי טביהן א בהמהלע אן איבעריקס, א בריטשקע א נייע, — האָט מען אָנגעהויבן ברעכן זיך די קעפּ: פונוואַנען און פון וואָס? צי האנדלט נישט דער דאָזיקער טביה מיט פאלשע אסיג-נאַציעס? אָדער צי קאָכט ער נישט קיין ספּירט שטילערהייט, בשתיקה?... כא-כא-כא! ברעכט אייך, ברידערלעך, טראַכט איך מיר, די קעפּ געזונטערהייט!"...

(דאָס גרויסע געווינס)

מנחם-מענדלס „לאָנדאָן":

איך גיי מיר ארוים מיטן שטעקל אין גרעצק אריין, אזוי הייסט דאָ אין אָדעס די גאָס, וואו יידן האנדלען, האָב איך צוואנציק טויזנט געשעפטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעל, זאַלץ, פעדערן, ראָזשינקעס, זעק, הערינג — הכלל, וואָס א מויל קאָן אויסרעדן געפינסטו דאָ אין דעם אָדעס. איך האָב

לכתחילה אפילו אָנגעשמעקט אַ צוויי-דריי גוטע געשעפט-לעך, נאָר ס׳איז מיר אַלץ ניט געווען צום הארצן. האָב איך מיך אַזוי לאַנג ארומגעדרייט אין גרעצק, ביז כ׳האָב מיך פאַרט צוגעשלאָגן צו עפּעס רעכטס, דהיינו: איך האנדל מיט „לאָנדאָן“ און פאַרדין דערביי גאָר נישקשהדיק! מ׳כאַפּט אַמאָל אַ כּף-האער, אַמאָל אַ פופציקער, און אַמאָל, אַז ס׳געראָט, אַ הונדערטער אויך. הכלל, דאָס „לאָנדאָן“ איז אַזאַ מסחר, וואָס מ׳קאָן דערביי גליקלעך ווערן אין איין טאָג. — — — איך האָב דאָס גאַנצע ביסל מזומנים אריינגעבראַכט אין „לאָנדאָן“ אריין, איינגעהאַנדלט אַ רעמל סחורה, „האָסלעך“ און „בעסלעך“, און דאַנקען השם יתברך — מ׳זאָגט, אַז ס׳איז שוין דאָ ריווח! — — —

זיי ווייסן, אַז דאָס „לאָנדאָן“ גופא איז אַן איידעלע מאַטעריע. פאַרקויפן פאַרקויפט זיך עס אויפן וואָרט, און זען זעט מען דאָס ניט. אַלע מינוט בייט זיך עס: אַט איז דאָס טייער, אַט איז דאָס וואָלוול, אַט איז „האָס“, אַט איז „בעס“, דאָס הייסט, דאָס קערבל דאָרט אין בערלין אָדער ס׳הויבט זיך, אָדער ס׳פאַלט. ס׳ווענדט זיך אין בערלין; ווי אַזוי בערלין זאָגט, אַזוי איז דאָס. ס׳לויפן די קורסן אויף און אָפּ משוגענערווייז, ס׳פליען דעפּעשן אַהין און צוריק, און יידן לויפן ארום ווי אויף אַ יאַריד, מאַכן געשעפטן און ווערן גליקלעך, און איך אויך בתוכם. ס׳איז אַ טומל, אַ בהלה, מ׳קאָן דאָ פאַרדולט ווערן.

אַט, למשל, האָב איך נעכטן געמאַכט אַ „סטאַלאַזש“, מיך געקאָסט אַ פופציקער, איז ער היינט אין דער פרי, פונקט זייגער צוועלף, אויסגערונען געוואָרן. נאָר דו ווייסט דאָך ניט מסתמא, וואָס הייסט „מאַכן אַ סטאַלאַזש“, — באַדאַרף מען דיר געבן צו פאַרשטיין. למשל, מ׳גיט אַוועק אַ פופציקער פאַר אַ טאָג, און יענער „שטעלט אַ קורס“, קאָנסטו

דיר מאכן פונעם „סטאלאזש" „צוויי זייטן", היינו: צוויי „בעסן", אָדער צוויי „האָסן", אָדער גאָר בלייבן שטיין און פארקויפן יענעם „בלינדערעכט" ביז נאָך „שלוס" („שלוס" הייסט ביי אונדז אין אָדעס פאר נאכט, ווי ביי אייך בין מנחה למעריב). איז ווי באלד דער קורס „שטייט-אָפּ", איז כפרה דער גאנצער פופציקער — הייסט דאָס געמאכט א „סטאלאזש". — — —

זאָלסט אָנקוקן, ווי אזוי ס'ווערן דאָ געמאכט געשעפטן אויפן וואָרט, וואָלסטו פארשטאנען, וואָס הייסט אָדעס; א שאָקל מיטן קאָפּ איז דאָ פונקט ווי געמאכט א קאָנטראקט. איך גיי מיר ארוים אין ג ר ע צ ק, קום אריין אין א „קאַ-פיי", זעץ מיך אנידער ביי א טישל און שאַף מיר א גלעזל טיי, צי קאווע, צי עפּעס אנדערש; קומט צו גיין איין מעק-לער, דער אנדערער, דער דריטער; מ'דאַרף נישט האָבן נישט קיין קאָנטראקט, נישט קיין קוויטל, קיין איינגעטונקענע פען אפילו! יעדער מעקלער האָט ביי זיך א ביכעלע און פאר-שרייבט, אז איך האָב ביי אים צוויי „בעסן", און איך נעם ארוים און צאָל אים אָפּ די עטלעכע קערבלעך — א מחיה! און שפּעטער מיט א פּאָר שעה, אז גאָט הייסט, מ'ווערט גע-וואויער דאָס „טאקסירעכיץ" פון בערלין, קומט צו לויפן דער אייגענער מעקלער און גיט שוין א פינף-און-צוואנציקער פון אויבן, און נאָך שפּעטער, אז מ'ווייסט שוין „אָנפאנג" אויך, שטופט ער א פופציקער, און אז גאָט וויל צום „שלוס", וואקסט אָן א גאנצער הונדערטער, און אמאָל קאָן געמאָלט זיין, אז טאקע צוויי הונדערט און אמאָל דריי הונדערט אויך, פארוואָס נים? דערויף איז דאָך דאָס א בערזע!

(לאָנדאָן)

מוחס-מענדלס „פאפירלעך״:

כ׳האנדל שוין מער נישט מיט קיין ווינט, מיט קיין לופט, מיט קיין „לאנדאן״ — כ׳האב שוין היינט, ברוך השם, אביסל א לייטישער געשעפט אין האנט, א קאראנטנע געשעפט, א פאפיר-געשעפט, דאס הייסט, איך האנדל מיט „פאפירלעך״ האנדל איך. — — — ס׳רעדט זיך נאר אזוי פאפיר. מיינען מיינט מען נאר אקציעס, פעטערבורגער אקציעס, למשל: „פוטיוויל״, „טראנספארט״, „וואלגע״, „מאלצעווער״ וכדומה. דאס זענען אזעלכע פאבריקעס, וואס ס׳ארבעטן זיך דארטן אייזנבאנען אויף אקציעס, דאס הייסט, מ׳לאזט ארויס אק-ציעס אויף א הונדערטער און מ׳צאלט פאר זיי דריי, ווארעם מ׳גיט „דעוועגדענט״; וואס מער „דעוועגדענט״, איז אלץ בעסער. נאר כפי אזוי ווי ס׳ווייסט קיינער נישט פארן יאר, וואס פאר א „דעוועגדענט״ מ׳וועט ארויסגעבן, לכן גייט מען בלינד און מ׳קויפט און מ׳קויפט; און דערפון ווערט א „האס״, דאס הייסט, פאפיר שטייגט, און יידן פארדינען געלט, און איך בתוכם! — — — —

איך קנאק און פלי, איך ברען, איך שפרינג אין פייער, איך וואקס, איך וואקס! א סך זענען מיך מקנא, ווארעם וואס איך קויף היינט, ווערט מארגן טייער. „ווענעלעך״ האבן זיך א רוק געטאן נאך אויף צוויי הונדערט רובל, און מיינע „לילעפוטען״ שטייען שוין, ברוך השם, אויף יענער זייט דריטהאלבנטויזנט; נאר מיר לוינט נאך נישט צו פאר-קויפן, ווייל אלע זאגן, אז ס׳וועט נאך גיין און גיין. ס׳איז נאר א סברא, אז „אויסלאמד״ האט זיך א ווארף געטאן אויף אונדזערע פאפירלעך. מ׳מאכט א „סענדעקאט״, דאס הייסט, יד אחת, מ׳וויל זיי אויסקויפן עד לפ״ק, נישט איבערלאזן אפילו אויף א רפואה! וועסטו דאך מסתמא פרעגן: פאר-

וואָס ? גאַנץ פּשוט ! געלט, פאַרשטייסטו מיך, איז היינט פאַראַן ביי דער וועלט אָן אַ שיעור ; ס׳וואַלגערט זיך אין די גאַסן ; פּראָצענט איז בזיל הזול — פיר־פינף לשנה איז פאַר אונדז איבערגענוג ; היינט אַז ס׳טראָגט גאָר צען־פופצן, איז דאָך טאַקע אַ גליק ! — — —

דו מיינסט, אפשר, אַז איך בין איינער אויפן יאַריד, וואָס איך האַנדל מיט פּאַפּירלעך ? בראָצקי האַנדלט אויך דערמיט. דער חילוק איז : איך, אַז איך גיי קויפן פּאַפּירלעך, באַדאַרף איך פריער אויסרעכענען וויפיל מיין מאָגן קאָן פאַר־דייען, און בראָצקי, אַז ער טוט אַ קויף פּאַפּירלעך, קויפט ער מיטאַמאָל טויזנט שטיק, פינף טויזנט שטיק, צען טויזנט שטיק, דו שפּילסט זיך מיט בראָצקין ? יענער, אַז ער פאָרט דורך אין דער קאַרעטע, ציטערט דער „קרעשטשאַטעק“, און אַלע יידן נעמען אַראָפּ די היטלען, און איך אויך בתוכם. שיין וואָלט זיין, ווען איך וועד אַמאָל אַ בראָצקי ! . . . אַז גאָט וויל, נאַרעלע . . . — — — —

און וואָס מיינסטו איז בראָצקי ? אַ בשר־ודם, וואָס עסט און טרינקט און שלאָפט. איך האָב אים אַליין געזען, איך זאָל אַזוי זען אַלדאָס גוטס ! . . . הכלל, זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבן, איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו דער שפּעגעלאַ־ציע און בין געוואָרן אויף דער בערזע אַזא חריף, אַז מ׳קומט שוין אַמאָל צו מיר, נישקשה, מיט אַן עצה ; מיט גאָטס הילף, איך פאַרשטיי דאָס שפּיל !

(פּאַפּירלעך)

איך בין איצט געוואָרן אַ מעקלער, פּשוט אַ מעקלער, טאַקע דאָ אין יעהופּעץ אויף דער בערזע. פאַראַן אין יעהופּעץ מעקלערס, קיין עין-הרע, אַזוי פיל, ווי שטערן אין הימל. מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי? דאַכט זיך, איך האָב אויך הענט און פיס און אַ נאָז מיט אויגן גלייך מיט אַלע יידן, און אַזעלכע מיוחסים ווי איך איז דאָ אַ סך — פונדעסטוועגן שטייט זיי אָן נעמען דאָס שטעקל און גיין מעקלערן. די גרויסע תורה, וואָס מ'באַדאַרף דאָ האָבן? אַבי מ'קען זאָגן אַ ליגן, און דערצו, אַז מ'איז נאָך אַ שטיקל עזות-פנים אויך, קאָן מען שוין זיין אַ מעקלער; און אדרבה, וואָס מער ליגנער און וואָס מער עזות-פנים, איז אַלץ מער מעקלער! — — — — מ'באַדאַרף נאָר אָנטאָן אַ ווייס העמד מיט אַ שיינעם קאַפּעליוש, קריכן, שמעקן, כאַפּן אַ וואָרט, אַ לויף אַהער, אַ שפּרונג אַהין — „פּאַזשאַלעטי קאַרטאַזש!" „קאַרטאַזש" הייסט מעקלעריי, „שחיטה-געלט". איי איז דאָס אַ זיסער גראָשן, אָט דאָס „קאַרטאַזש"! אָן קאַפּדרייעניש, אָן בויכווייטיק! אָט האָב איך געכאַפּט ערשט נעכטן אַ פּופּציקער „קאַרטאַזש" — זאָל מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אין איינעם, ווי איך ווייס פאַרוואָס! איך האָב געמאַכט צען טויזנט פּוד צוקער גרינגג, נאָך גרינגער ווי אויסרויבערן אַ פּאַפּיראָס. דאָס הייסט, געמאַכט האָבן אַנדערע, נאָר איך בין אַריינגעשפּרונגען אינמיטן. — — —

פאַראַן ביי אונדז, קיין עין-הרע, אַ סך מעקלערס, מעקלערס פון צוקער, מעקלערס פון אַקציעס, מעקלערס פון ברויט, מעקלערס פון געלט, פון הייזער, פון אימעניעס, פון וועלדער, פון מאַשינען, פון בערלינעס, פון קלעצער, פון פאַבריקן, פון זאַוואָדן, פון באַנען, און וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן און

וואָס דאָס האַרץ פאַרגלוסט — איז דערויף דאָ אַ מעקלער...
ס'ווערט דאָ נישט געמאַכט קיין שום געשעפט אָן אַ מעקלער. און יעדער מעקלער קומט-אָן צום אַנדערן מעקלער, וואָרעם דער מעקלער האָט אַ קונה, און יענער מעקלער האָט אַ מוכר, קומט דאָס אויס אין איינעם אַ זיווג; הײַנט מאַכט זיך אָפט, אַז צו איטלעכן מעקלער טשעפּען זיך צו נאָך צוויי-דרײַ מעקלערס, טיילן זיי זיך אַלע מיטן „קאַרטאַזש" חלק בחלק, און אַז מ'קאָן זיך ניט איינטיילן מיט די חלקים, איז אָדער מ'פאַרלאָזט זיך אויף מענטשן, אָדער מ'טוט, ווי מ'פלעג טאָן אין אָדעס, דאָס הייסט, מ'„קאָמפּעזירט" מיט פּעטש... — — —

איך גיי אַרום געלט, און איך מאַך הלוואות, שקאָנטע, דאָס הייסט, איך לײַ און פאַרלײַ געלט אויף וועקסלעך, דאָס הייסט, איך שקאָנטיר דער וועלטס וועקסלען, און דווקא אויף באַלעבאַטישע פּראָצענטן, ווי זאָגט ער, ווינציקער פאַרדינט, אַבי געשלאָפן רואיק. דאָס איז אַזאַ מין עסק, וואָס מ'גיט דיר אָפּ כבוד פון אַלע זײַטן, וואָרעם אַז מ'באַדאַרף האָבן די קלינגערס, ווערט מען ווייך ווי טייג, מ'קריכט אין דער ערד אַרײַן און מ'זאָגט-צו דעם מעקלער גילדענע בערג... — — —

איך האָב אַ שפּיי געטאָן אויף דעם געלט-געשעפט און האָב מיך גענומען צו הייזער. וואָס עפּעס צו הייזער? ווײַל דאָ, אין יעהופּעץ, איז הײַנט געוואָרן אַ נייע שפּעגולאַציע — הייזער. — — — דאָ אין יעהופּעץ, אַז מ'קויפט אַ שטוב, טראָגט מען זי באַלד אַוועק אין באַנק און מ'נעמט אויף איר געלט; נאָכדעם פאַרזעצט מען זי און מ'נעמט נאָכאַמאָל געלט; נאָכדעם פאַרדינגט מען דירות און מ'נעמט ווידער אַמאָל געלט. הכלל, מ'קויפט אַ שטוב אָן אַ גראָשן געלט און מ'ווערט למזל אַ באַלעבאָס. וועסטו דאָך פרעגן: ווי באַלד

אזוי, קאָן דאָך איטלעכער האָבן אַ שטוב ? איז דער תירוץ: וואו נעמט מען אָן אדערויף ? . . . אוודאי וועט גאָט העלפּמ מיר, איך פיר־אוים דאָס געשעפט, וואָס איך דריי מיך אַצינד (כ׳האָלט איצט ביי מאַכן אַ פּאָר הייזלעך) קויף איך מיר דעמאָלט אַליין אַ הייזל (אויף דיין נאָמען) פאַר אַ קערבל צוואַנציק טויזנט, און וועל נישט אריינלייגן קיין דריי צע־בראָכענע גראָשנס, וואָרעם אָט האָסטו דעם חשבון אויבן־אויף: פופצן טויזנט גיט מיר ארוים די באַנק, זעקס טויזנט נעם איך ארוים פון דער צווייטער זאַקלאַדנע, בלייבט מיר נישט איבער קיין טויזנט קערבלעך אין קעשענע ? — — —

ס׳איז נאָר שלעכט דערוויילע, וואָס ס׳פעלט דאָס מזומנע דרייערל. זאָלסט זען, ווי אַזוי די וועלט איז געענגט אין געלט. ממש מ׳גייט אוים, מ׳שטאַרבט נאָך אַ קערבל!

(מיליאָנען)

מיר פאַרפּלייצן די וועלט מיט טינט:

מיין ברודער עליע זאָגט, אַז די וועלט איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז מ׳פלעגט וועלן מאַכן טינט, האָט מען, זאָגט ער, באַדאַרפט קויפן גאַליש־עפּעלעך, די גאַליש־עפּעלעך צעקלאַפּן, נאָכדעם קאָכן זיי אויפן פייער, ווייס איך וויפיל, נאָכדעם אריינוואַרפן קופּערוואַסער; און בכדי די טינט זאָל גלאַנצן, האָט מען נאָך געמוזט צוגעבן אַ שטיקל צוקער — אַ גאַנצער טאַרעראַם! היינט, זאָגט ער, איז אַזאַ חיות! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין דער אַפּטייק אַ „פּראָשעק״ אַזעלכן מיט אַ פּלעשל „גליצערינע״, מיש דאָס אוים מיט וואַסער, אַ זיד אויפן פייער — און פאַרטיק טינט. אַזוי זאָגט מיין ברודער עליע. ער איז אַוועק אין דער אַפּ־טייק און האָט געבראַכט אַ גוזמא „פּראָשקעס״, און „גליצע־

רינגע" אַ גאַנצע פלאַש. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרשפאַרט אין אַלקער און האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך ניט. סאַ סוד. אַלצדינג איז ביי אים אַ סוד. אַז ער דאַרף זאָגן דער מאַמען, למשל, זי זאָל אים געבן דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, רופט ער זי אָפּ אויף אַ זייט און זאָגט איר שטילער-הייט: „מאַמע! דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל". די „פּראָשקעס" מיט דער „גליצערינע" האָט ער אויסגעמישט אין אַ גאַנץ גרויסן טאָפּ (אַ נייעם טאָפּ געקויפט). דעם טאָפּ מיטן געמישעכץ האָט ער פאַררוקט אין אויוון און האָט גע-בעטן די מאַמע שטילערהייט, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. מיר אַלע האָבן געמיינט, מי יודע וואָס. די מאַמע האָט אַלע מינוט געכאַפּט אַ קוק צום אויוון. אפנים, זי האָט מורא גע-האַט, דער אויוון זאָל ניט צעפאַלן ווערן אויף שטיקלעך. נאָכדעם האָט מען אַריינגעקאַטשעט אין שטוב אַריין דאָס פעסל פון קוואַס. נאָכדעם האָט מען פאַוואָלינקע אַרויסגע-נומען דעם טאָפּ פונעם אויוון און מ'האָט פאַוואָלינקע אַריינ-געגאָסן דאָס געמישעכץ אין פעסל אַריין. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פעסל אַריין וואַסער. אַז דאָס פעסל איז געוואָרן אָנגעפילט העכער האַלב, האָט מיין ברודער עליע אַ זאָג געטאָן: „גענוג!" און האָט זיך גענומען צום בוך וואָס „פאַר אַ רובל — הונדערט". געקוקט און געהייסן שטילער-הייט זיך ברענגען אַ פרישע פען מיט אַ ווייסן בויגן פאַפּיר. „וואָס מ'שרייבט פּראָשעניעס" — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטילערהייט דער מאַמען אויפן אויער. איינגעטונקען די פען אין פּאַס און געגעבן אַ שרייב עפּעס אויפן ווייסן בויגן פאַפּיר מיט אַ דריידל און מיט אַ צוק. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מיין שווענערין ברכה. די ביידע האָבן געגעבן אַ קוק-אַריין און אַ זאָג געטאָן צו אים:

— סע שרייבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פֿריערדיקער אַרבעט. אַנגעגאָסן נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מיין ברודער עליע אויפֿגעהויבן די האַנט: „גענוג!" ווידער אַמאָל איינגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידער אַמאָל געגעבן אַ שרייב־אַריין אין ווייסן פּאַפּיר און ווידער אַמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מיין שוועגערין ברכה. די ביידע האָבן ווי־דער געגעבן אַ קוק־אַריין אין פּאַפּיר אַריין און אַ זאָג:

— סע שרייבט!

אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרן פֿול, ווי אַן אויג. ס׳איז שוין ניט געווען וואוהין צו גיסן וואַסער. דעמאָלט האָט מיין ברודער עליע געגעבן אַ הויב־אויף די האַנט: „גענוג!" — און מיר אַלע פיר האָבן זיך געזעצט עסן.

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן די טינט אין פֿלעשער. פֿלעשער האָט מיין ברודער עליע צונויפֿגע־בראַכט פֿון דער גאַנצער וועלט. אַלערליי פֿלעשער און פֿלעשלעך. גרויסע און קליינע. פֿלעשער פֿון ביר, פֿלעשער פֿון וויין, פֿלעשער פֿון קוואַס, פֿלעשער פֿון בראָנפֿן. און גלאַט פֿלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער איינגעהאַנדלט אַלטע, ס׳זאָל קאָסטן וועלוועלער, און אַ „לייקע" האָט ער גע־קויפֿט אַ נייע, און אַ קווערטל אַ בלעכנס, אויף צו גיסן די טינט פֿון פּאַס אין די פֿלעשער. דאָ האָט ער ווידער איינ־גערוימט דער מאַמען אַ סוד, זי זאָל פֿאַרקייטלען די טיר. נאָכדעם האָט מען זיך אַלע פיר גענומען צו דער אַר־בעט. — — —

וויפֿיל טינט מיר האָבן — קאָן איך אייך ניט זאָגן. איך האָב מורא, אויב ניט טויזנט פֿלעשער! נאָר וואָס קומט

אַרויס — ס׳איז גיטאָ זיי וואו אהינצוטון. מיין ברודער עליע איז געווען שוין אומעטום. פאַרקויפן לאָחדים, פּלעשלעכ־ וויז — איז נישט קיין פּלאַן. — — — און מיין ברודער עליע גייט אוועק צו די קרעמער. געקומען צו איינעם, אַ גרויסן הורטאָווניק, הייסט ער זיך ברענגען אַ פּלעשל. ער וויל עם אָנקוקן. דעם אַנדערן האָט ער געבראַכט אַ פלאַש טינט, וויל ער עס ניט נעמען אין די הענט אַריין, ווייל ס׳איז אָן אַ קוויטל. אויפן פּלעשל דאַרף זיין, זאָגט ער, אַ שיין קוויטל מיט אַ צאַצקע. זאָגט אים מיין ברודער עליע: „איך מאַך ניט קיין צאַצקעס, איך מאַך טינט". ענטפערט ער אים: „מאַכט געזונטערהייט". האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו יודל דעם שרייבער. האָט אים יודל דער שרייבער געזאָגט עפּעס זייער אַ מיאוס וואָרט. ער האָט שוין, זאָגט ער, זיך אָנגעקויפט מיט טינט אויף אַ גאַנצן זומער. פרעגט אים מיין ברודער עליע: „וויפיל פלעשער טינט האָט איר דאָס איינ־ געהאַנדלט?" זאָגט אים יודל דער שרייבער: „פּלעשער? איך האָב געקויפט אַ פלאַש טינט, וועל איך האָבן און האָבן, ביז ס׳וועט אויסגיין, וועל איך קויפן נאָך אַ פלאַש"... אָט האָסטו דיר אַ געשעפט! אַ שרייבערוק קאָן! פריער האָט ער געזאָגט, אַז אויף טינט גייט ביי אים אוועק אַ פאַרמעגן; איצט קויפט ער אַ פלאַש טינט, וועט ער האָבן און האָבן!... מיין ברודער עליע איז נעבעך אוים מענטש. ער ווייסט ניט, וואָס זאָל ער טון מיט אַזוי פיל טינט? — — —

מיר וואַשן זיך און גייען עסן. מיר שפּאָרן זיך צונויף אַלע פיר אין איינעם. איבער די פּלעשער איז ענג אין שטוב — אַ סכנות. נאָר־וואָס מיר האָבן געמאַכט המוציא, לויפט אַריין אַ בחורל. אַ טשיקאַווע בחורל. ער איז שוין אַ חתן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאַטע זיינער איז אַ שניידער. אַ דאַמסקי שניידער.

— דאָ פאַרקויפט זיך טינט לאחדים?
— יאָ, וואָס איז דען?
— איך האָב געוואָלט אביסל טינט.
— וויפיל דאַרפסטו טינט?
— גיט מיר פאַר אַ קאָפּיקע טינט.

מיין ברודער עליע איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם חתן קאַפּל פריער דורכגעפּאַטשט און נאָכדעם אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האַלט זיך איין און גיסט אים אָן פאַר אַ קאָפּיקע טינט. ס׳גייט ניט אַוועק קיין פערטל שעה, קומט אַריין אַ מיידל. דאָס מיידל קען איך ניט. זי קאָלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מיין מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?
— יאָ, וואָס איז דען?
— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר לייען אביסל טינט? זי דאַרף אַוועקשרייבן אַ בריוול קיין אַמעריקע צו איר חתן.
— ווער איז דיין שוועסטער?
— בתיה די נייטאָרין.
— אַ? זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואַקסן! קיין עין-הרע! איך האָב דיך גאָרניט דערקענט. אַ טינטערל האָסטו?
— ווי קומט צו אונדז אַ טינטערל? מיין שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער האָט איר אַ פען, זי וועט נאָר אָנשרייבן דאָס בריוול קיין אַמעריקע, גיט זי אייך אָפּ צוריק די טינט און פען.

מיין ברודער עליע איז נישטאָ ביים טיש. ער איז אין אַלקער. ער גייט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָפּ און בייסט די נעגל.

(מאָטל פּייסי דעם חזנס)

„שיינע“ יידן:

רב נתן קורח

דער בעל־טובה

איציקל שאָסטעפאל

יואל טאשקער

רב נתן קורח:

ער איז שוין כמעט דרייסיק יאָר ניט אַרויסגעגאַנגען מפּתח ביתו. ווער עס דאַרף, דער טרעפט צו אים. און דאַרפן דאַרף צו אים יעדער, ווער ס׳האָט וואָס צו פאַרזעצן. אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, פלעגט מען צו איהם טראָגן פאַר־משכונען אַלצדינג, וואָס האָט אַ ווערט, למשל: אַ בגד, אַ לייכטער, אַ סאַמאָוואַר, אַ שטייסל, אַ קוואָרט, אַן עטרה, אַ מגילה, אפילו אַ פּאַר־אַ־יאָריקער לולב איז אויך געווען אַ סחורה. איצט, אויף דער עלטער, האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף די אַלע זאַכן, פיינט געקריגן „דוויזשימאָסט“ (מטלטלין) און גיט זיך אָפּ נאָר מיט „אימושטשעסטווע“ (הייזער). ס׳איז אַ סברה, אַזוי שמועסט דער עולם, אַז גאַנץ כתרילעווקע ליגט ביי אים „במשכנתא“. — — — אויסער דעם, איז זיך רב נתן קורח זייער אַ פיינער באַלעבאָס און בטבע זייער אַ סימ־פּאַטישער מענטש. ער האָט אַ כלל — אויפנעמען יעדן איינציקן פריינטלעך, אַזוי ווי אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט: „בסבר פנים יפות“. דאָס הייסט, מיט אַ ברייטן ברוך־הבא און מיט אַ „פאַרוואָס זיצט איר ניט?“. אַז איר קומט אַריין צו אים, ווייסט ער גאָרניט, וואו ער זאָל אייך אַנידערזעצן. ער טראָגט אייך אונטער צוויי שטולן מיטאַמאָל און פרעגט אייך, אפשר וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי? נאָר באַלד טוט ער זיך אַ כאַפּ:

— או־וואַ, ניטאָ ווער ס׳זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר...

אפשר וועט איר נעמען אביסל איינגעמאכטס? או-ווא! די דינסט האט צוגענומען די שליסלעך!... זיצט, פארוואס זיצט איר ניט? וואס-זשע הערט זיך עפעס נייעס?

רב נתן קורח האט זייער ליב, מ׳זאל אים דערציילן נייעס, און וואס איז דער חידוש? א מענטש גייט נישט ארויס מפתח ביתו שוין כמעט דרייסיק יאר! און אז מ׳דערציילט אים נייעס, כאטש די נייעס מעג שוין האבן א בארד, הערט ער זיך צו, קוקט זיך איין, שאקלט מיטן קאפ, שמוּצערט מיט די ליפן, ווערט נתפעל, גלייך ווי ער הערט דאס דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבן, ביז ס׳קומט צו געלט. — — —

איין אויג איז ביי אים אן אויג. א געוויינטלעך אויג. ווי ביי אלע מענטשן אן אויג. דאס הייסט, א ווייסעכל מיט א שווארצאפל, ווי ס׳געהער צו זיין. דאס אנדערע אויג איז ביי אים שוין נאר שווארצאפל אליין, אן א סימן פון ווייסעכל. דאס דאזיקע שווארצאפלדיק אויג האלט ער שטענדיק צוגעמאכט, א חוץ דעמאלט, ווען ס׳האנדלט זיך וועגן געלט, הויבט ער אן ריידן וועגן געלט, אזוי עפנט זיך ביי אים דאס שווארצאפלדיקע אויג און ס׳הויבט אן ארבעטן. דאס הייסט, ס׳דרייט זיך און ס׳שעמערירט מיט א שרעקלעכער גיכקייט! ס׳איז כמעט גאר אוממעגלעך דעמאלט צו קוקן אים גלייך אין פנים אריין. און ס׳בייט זיך איבער ביי אים דאס גאנצע געשטאלט. דאס פריערדיקע „סבר פנים יפות" ווערט פארשוואונדן אין איינעם מיטן שטענדיק זיס-לאקרעצדיקן שמייכעלע, און אויפן ארט פון דעם ליב-הארציקן זיסן גביר רב נתן קורח וואקסט אויס א חיה, און ס׳גלוסט זיך אייך אנטלויפן וואס גיכער און וואס ווייטער . . .

(שמואל שמעלקים און זיין יובילעאום)

דער בעל-טובה:

די אלמנה איז זיך דורכגעגאנגען צו רב שמחהלע ווײ-נער, געטראָפן אים אין דער בעסטער צייט, סאַמע נאָכן עסן. איר ווייסט, אז איר דאַרפט צו עמעצן אָנקומען מיט א טובה, זאָלט איר אים טשאַטעווען נאָר נאָכן עסן. נאָכן עסן איז דער ערגסטער מענטש ווייכער ווי פאַרן עסן; פאַרן עסן איז א מענטש — א חיה.

— וואָס ווילסטו זאָגן עפּעס גוטס?

די אלמנה האָט אים אַנידערגעלייגט א צעטל, אזוי און אזוי — מאַשינען.

רב שמחהלע האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די גאַנצע צייט, געקאַלופּעט די ציין, געווען רויט, אביסל געשוויצט און עטוואָס געדרימלט, דאָס הייסט, חלילה נישט געשלאָפן, נאָר געדרימלט, געקוקט אויף איר נאָר מיט איין האַלב אויג, בשעת מעשה געקלערט אביסל וועגן געשעפט און אביסל וועגן עניני המאָגן. רב שמחהלע איז אביסל א פולער, אביסל צו פּעט-לעך, האָבן אים די דאָקטוירים געהייסן עסן מער פליש און ווינציקער מעל-שפּייז; און רב שמחהלע האָט דווקא ליב מעל-שפּייז, ברויט, לאָקשן, קוגלעך וכדומה אזעלכע זאַכן, וואָס ווערן געמאַכט פון מעל. ער ווייסט, אז ס'שאַדט אים, נאָר אז ער זעט דאָס, עסט ער, און אז ער עסט אָפּ, האָט ער חרטה...

— איז וואָס זשע מאַכסטו, הייסט דאָס? — רופט ער זיך אָן צו דער אלמנה בשעת יענע ווערט אנטשוויגן, און ער הערט אויף צו דרימלען, קוקט אויף איר מיט אַנדערהאַלבן אויגן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט אים די אלמנה.

— איר הערט דאָך שוין, וואָס כ'מאַך: אויף אלע שונאים!

איז ווען כ׳האָב איצט אויף אַ מאַשין, אויף צוויי מאַשינען, כאָטש איין מאַשין . . .

— וואָסער מאַשין ? — מאַכט ער צו איר פאַרוואונדערט און קוקט אויף איר שוין מיט בײדע אויגן.

— כ׳האָב דאָך אייך דערציילט, אַז מיינע טעכטער ווילן זיך פאַרנעמען מיט נייען, ווערן נייטורנס, נייען אויף דער מאַשין, איז ניטאָ קיין מאַשין, צוויי מאַשינען דאַרפן זיי האָבן, מ׳גיט אויף־אויסצאָלן.

— דאָס איז אַ גוטע זאַך, זייער אַ גלייכע זאַך. נייטורנס, נייען, פאַרדינען, מהיכא־תיתי, זייער גלייך !

נאָר תוך כדי דבור פליט אים דורך אַ מחשבה : „וואָס איז די מעשה, וואָס ס׳איז מיר אַזוי אָנגעפילט דער מאָגן ? כ׳האָב, דאַכט מיר, היינט גאָר אַזוי פיל ניט געגעסן !" און איין אויג הויבט ביי אים אָן ווערן קלענער. נאָר מחמת די אלמנה ווערט אנטשוויגן, כאַפּט ער זיך אויף און רעדט ווייטער צו איר :

— נו, זייער פיין, נייען, מהיכא תיתי, פאַרוואָס ניט ?

— האָב איך אייך געוואָלט בעטן, רב שמחהלע, איר האָט שוין אַזוי פיל געטאָן פון אונדזערטוועגן, טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, אַז . . .

רב שמחהלע דערהערט, אַז ס׳שמעקט מיט אַ בקשה, אַ גמילות־חסד, געלט מסתמא, כאַפּט ער זיך אויף.

— אַז וואָס ?

— אַז איר זאָלט אויסלייען דאָס ערשטע געלט, וואָס מ׳באַדאַרף אויף די מאַשינען.

— וואָסערע מאַשינען ?

— אָט די, וואָס כ׳זאָג אייך, צוויי מאַשינען פון מיינע טעכטערס וועגן, כאָטש איין מאַשין.

— ווי קומט צו מיר מאַשינען ? וואָס פאַר אַ מחותן בין

איך מיט מאשינען ?

— געלט ! — זאָגט די אלמנה. — מאשינען וועלן זיי אַליין קויפן. מ׳גיט מאשינען אויף אויסצאָלן. למשל, כ׳צאָל איין איצט א פּופּציקער און שפּעטער מיט דריי חדשים א פינף-און-צוואנציקער, און שפּעטער . . .

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, דו באַדאַרפסט מיר ניט דערציילן. כ׳קען באשטיין זיי זאָלן זיך באגיין אָן מאשינען. נא דיר גאָר מאשינען !

— ווי אַזוי-זשע וועלן זיי גייען ? מיט די הענט קען מען אזוי פיל ניט אָנגייען ; אלע נייטורנס האָבן היינט מאשינען.

— ווילסטו זיי מאכן פאר נייטורנס ? אַז אַך און ווי די יאָר ! דיין מאַן זאָל איצט אויפשטיין און דערהערן, אַז דו ווילסט מאכן פון דיינע קינדער נייטורנס, וואָלט ער נאָכ-אמאָל געשטאָרבן, דו ווייסט ? דיין רפאל איז געווען אַן ער-לעכער, א כשרער ייד. אזעלכע ווי רפאל איז נישטאָ ! רפאל זאָל הערן נייטורנס, וואָלט ער דאָס ניט אויסגעהאַלטן ! ער וואָלט זיך — כ׳ווייס אַליין ניט וואָס !

רב שמחה רעדט מיט הארץ. ער מיינט דאָס ערנסט. און וואָס ווייטער — העכערט זיך ביי אים דאָס קול :

נייטורנס ? הע ! א שיינע עובדא פאר א יידיש מיידל ! הע ! מיר ווייסן וואָס הייסט א נייטורן ! און נאָך ביי יידן ! הע ! רפאלס טעכטער נייטורנס ! און וואו בין איך ? דו ווייסט, אַז דיין רפאל איז ביי מיר אויסגעוואַקסן ? א י ך האָב אים געמאַכט פאר א מענטשן, פריער גאָט, נאָכדעם איך. און ווער האָט אים חתונה געמאַכט, אַז ניט איך ? הע ! ווילסטו, אַז איך זאָל דערלאָזן אזעלכעס ? חס וחלילה ! וואָס בין איך עפּעס ? א שטיין ? א ביין ? א שייט האָלץ ? הע !

די אלמנה — מיט דעם וואָס זי איז געקומען, מיט דעם איז זי אוועקגעגאַנגען. (דער יונגסטער פון די מלכים)

א צעטראָגענער נפש מיט רויטע גלאַטע בעקלעך, מיט שטאַרק-גלאַנצנדיקע שוואַרצע (איצט שוין גרוילעכע) האָר, מיט אַ געקרייזלט בערדל, וואָס ער לאָזט דאָס נישט צו-רו און פּלעכט דאָס און דרייט דאָס און צופּט דאָס, מיט גרויסע שיינע שוואַרצע יידישע אויגן, וואָס ווען אַ פּרוי פאַרמאָגט אַזעלכע אויגן, זענט איר נאָך איר די כפּרה, מיט אַביסל אַן אויסגעבויגענער עכט-יידישער נאָז, מיט אַ קאַפּעליושל, וואָס איז תמיד פאַררוקט אַרונטער אויף יענער זייט קאָפּ, מיט האַלב-פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ שירעם אונטערן אָרעם סיי זומער, סיי ווינטער. — — —

א ייד, וואָס האַנדלט מיט וואַלד, מיט גוראַלניעס, מיט ברויט, מיט פּאָדראַדן; אָדער ער האָט אַ שאַרפע קראָם, אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, אָדער אַ פאַבריק פון גלאָזוואַרג; אָדער ער שטעלט-צו פּראָוויאַנט אין די טורמעס מיט די קאַזאַרמעס, טיילט זיך מיטן סמאָטריטעל און מיט די אינטענדאַנטן אויף דער האַלב און האָדעוועט די אַרעסטאַנטן און די סאָלדאַטן מיט קדחת און מיט קרענק; אָדער אויב ניט איז איציקל אַ ייד אַ בעל-הלוואה, חלילה נישט קיין פּראָצענטניק, קיין וואָכערניק, נאָר מעשה באַנקיר מיט אָנווייזונגען און טראַטן, יאָגט זיך ניט נאָך גרויסע פּראָצענטן, זוכט בטוחים, פאַרלייט געלט אויף הייזער, סאָלידע וועקסלעך וכדומה.

יעדנפאַלס, איז איציקל פאַררעכנט אין שטאָט פאַר איינעם פון די פיינסטע, פּאָרנעמסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן. אומעטום באַגעגנסטו אים אויבן-אָן, אומעטום הערסטו: איציקל שאָסטעפּאַל! איציקל שאָסטעפּאַל! איז ערגעץ אַ שמחה, אַ פאַרזאַמלונג, אַן אונטערהאַנדלונג וועגן שטאָט-זאַכן — איז איציקל שאָסטעפּאַל. איז, חלילה, אַ צרה, אַ לוויה, אַן אומ-

גליק, אַ שרפה, אַ מגפה, אַ פּאָגראָם — איז איציקל שאָס־טעפּאַל. קלויבט מען געלט — איז איציקל שאָסטעפּאַל. דאַרף מען שרייען — איז איציקל שאָסטעפּאַל. און פון אמת קען מען ניט אוועקגיין: שרייען קען איציקל שאָסטעפּאַל זייער גוט. געבן גיט ער נישט אזוי פיל, ווי ער שרייט און פּילדערט און טאַרעראַמט . . . — — — —

ער האָט היינטיקן ווינטער געהאַט אַ וואוילע טורמע. דאָס הייסט, ער איז, חס ושלום, ניט געזעסן אין טורמע, ער האָט נאָר צוגעשטעלט אהין פּראָוויאַנט און האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוטן סמאַטריטל, אַ „גוי וואָס נעמט אַ קערבל" . . . היינט האָט ער צוגעשטעלט האָלץ אין די קאַזאַרמעס, דאָס איז אויך געווען קיין מעשה ניט פון אַ „פּאָדריאַד". איז אָבער „קאַזנאַ" — צופיל הענט און אַלע נעמען: דער „אונ־טער" נעמט, דער „אָבער" נעמט, דער קאַפּיטאַן נעמט, דער קאָמאַנדיר נעמט, דער אַדיוטאַנט נעמט, דער גענעראַל נעמט — נעמען זאָל זיי די כאָלעריע, וואָרעם לאַ די זיי נע־מען צו דאָס געלט, נעמען זיי נאָך אַרויס דאָס געזונט, — „קאַזנאַ" . . . היינט האָט ער געהאַט אַ פּאָר עסקימלעך, לאָ־דעניישן.

איציקל שאָסטעפּאַל, דאַרפט איר וויסן, איז אַ ייד, וואָס האָט ליב זיך לאָדן מיט דער וועלט. בעת ער מאַכט אַ גע־שעפט, מאַכט ער דאָס לכתחילה אזוי, אַז ער זאָל קענען נאָכ־דעם לאָדן זיך. אַז ער שרייבט אַ קאָנטראַקט, פּאַרדרייט ער אים און פאַרפּלאָנטערט זיך אַליין מאַקע, נאָר אזוי, אַז קיין צען אַדוואָקאַטן קענען אים נאָכדעם ניט אַרויספּלאָנטען. איין אַדוואָקאַט האָט אים אַמאָל געפרעגט: „פּאַני שאָסטע־פּאַל! דאַרפט איר שרייבן אַליין דעם קאָנטראַקט און קומען נאָכדעם צו מיר, איך זאָל אייך אויספּלאָנטען, אַמער, קומט מען לכתחילה צו אַן אַדוואָקאַט, וועט ער אייך שרייבן דעם

קאָנטראַקט אַזוי, אַז איר וועט פאַרשפּאָרן נאָכדעם לאָדן זיך!"

דערויף ענטפערט אים שאָסטעפּאָל גאַנץ ערנסט:

— שרייבן אַ קאָנטראַקט ביי אַן אַדוואָקאַט קאָסט געלט.

— און לאָדן זיך קאָסט קיין געלט ניט?

— וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז דאָך ראַטעווען מיין געלט!

אַזוי ענטפערט איציקל שאָסטעפּאָל און „ראַטעוועט" זיין געלט, דאָס הייסט, ס'קאָסט אים אָפּ דריי מאָל אַזוי פיל, ער ווערט אָפּט בדיל הדל, פאַרלירט טויזנטער, לאָדט זיך אָפּ יאָרן-לאַנג, קוילעט זיך אויף מעסערס, אום צו געווינען אַ פּראָצעס און דאָס פאַרשאַפט אים חיות אויף לאַנג! נצחון, אַמביציע — איז אַ גרויסע זאַך! פאַר זיין אַמביציע וועט אייך איציקל שאָסטעפּאָל גיין ביזן האַלדז אין בלוט! זיינס זאָל איבערגיין — דאָס איז ניטאָ. איציקל קען זיך באַרימען, אַז אים האָט נאָך קיין מענטש נישט גובר געווען.

(אין שטורעם)

יואל טאַשקער:

אַ קליינס, אַ דאַרס, אַ טרוקנס, אַ בערדל אַ שיטערס, און אַז ס'גייט — לויפט עס, און אַ הילוך — וואו איר האָט ערגעץ אַ שונא! כאָטש אפילו אַ נגיד. וואָס זאָג איך — אַ נגיד? אַ גביר אַן אדיר, אַ מיליאָנטשיק. דאָס הייסט, כ'האָב זיינע מיליאָנען, לאָז זיך אייך דאַכטן, נישט געציילט. מעגלעך, אַז ער פאַרמאָגט טאַקע אַ מיליאָן און מעגלעך, אַז ס'פעלט אים אַ סך צו אַ האַלבן מיליאָן. נאָר וויפיל ער האָט, איז ער דאָס, גלויבט מיר, ניט ווערט. וואָרעם דער מענטש איז אַ חזיר. ביי אים אַרויסרייסן אַ נדבה — איז כקריעת ים-סוף.

ס׳איז גאָר נישטאָ דער בעטלער, וואָס זאָל געדענקען, אַז יואל טאַשקער זאָל האָבן ווען געגעבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט אפילו. אין שטאָט קען מען אים שוין, דעם פאַרשויןֹ, אַזוי, אַז ס׳מאַכט זיך, מ׳גיט אַן אָרעמאַן אַ נדבה און ער קריווע-רעט זיך, זאָגט מען אים: „גייט, זייט מוחל, צו יואל טאַש-קער, וועט מען אייך געבן מער״.

אָט אַזאַ מין נגיד איז דאָס.

אפשר מיינט איר, חלילה, אַ גזלן, אָדער אַ גראָבער יונג, אָדער אַ נחות-דרגאָ? — ניין. דווקא אַ טאַטנס אַ קינד, און דווקא אַ ייד, וואָס קען לערנען, און דווקא אַזוי זיך אַ גאַנץ ערלעכער. יענעמס ניט זאַטשעפּען. אַבי מ׳זאָל זיינס ניט אָנרירן. שלי שלי, שלך שלך — איר פאַרשטייט צי ניין? זיין געשעפט — ער איז אַ בעל-הלוואה! און האָט הייזער, און האַנדלט מיט פּריצים. טאָג-ווי-נאַכט פאַרטאַרעאַמט. פאַרט-אָרום, לויפט-אָרום, עסט ניט, שלאָפט ניט, פאַרגינט זיך ניט האַלטן אַ מענטשן, אומעטום אַליין, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד. דאָס הייסט, ער האָט געהאַט קינדער אויך, נאָר דער רוח ווייסט וואָס, האָט ער זיי צעטריבן. זיי זענען אין אַמעריקע, זאָגט מען. דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן, האָט ער גענומען און צעטריבן די קינדער. און געשטאָרבן איז זי, זאָגט מען, ביי אים פון הונגער. נאָר מסתמא איז דאָס אַ ליגן. און אפשר איז דאָס אַן אמת. אַ סימן — ער האָט זיך מיטן אַנדערן ווייב אויף דער צווייטער וואָך געגט. טרעפט איבער וואָס? איבער אַ גלאָז מילך. כאַ-כאַ, ווי איר זעט מיך אַ יידן! ער האָט זי געכאַפּט איין מאָל מיט אַ קריגל מילך, מאַכט ער צו איר: „ממה-נפשך — טרינקסטו מילך, ווייל דו האָסט די טשאַכאָטקע, וואָס-זשע דאַרף איך דיך? אָלאָ דו טרינקסט גלאַט אַזוי מילך, הפקר-ציבעלעס — ביסטו דאָך אַן אויסברענגערין!״ . . .

דערפאַר האָט ער איין מעלה (אַ מענטש מיט סאַמע חסרונות איז נישטאָ): ער איז פרום. פרום מיט סכנת־נפשות! מילא, ווילסט דיר זיין פרום, זיי דיר פרום, וועמען אַרט עס? ניין. ווילט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין פרום. גאָטס סטראַפּטשע. ער קען נישט לײדן, אַז אַ ייד גייט אָן אַ היטל, איז אין כעס, למאַי יונגע ווייבלעך טראָגן אייגענע האָר, און קוילעט זיך מיט די עלטערן, וואָס גיבן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס און נאָך אַזעלכע זאַכן.

(דער טלית־קטן)

„עמד״, שער און אייזן:

אַ „מענטש"

קיין עין־הרע ניט

אָדם הראשון מיט חוהן

חיים חייקין

ס׳גייט אַ צייט !

מאָטל קאמזויל

פעפערל

נחמיה דער שוסטער

א „מענטש" :

זרח-ברוך דער נאמן איז שטענדיק אין געשעפט, פון גאנץ פרי אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אפילו עסן טראָגט מען אים אין קלייט אריין, און מכות עסט ער, וואָרעם, ווי אויף-צו-להכעיס, לאָזן זיך די קונים פּונקט דעמאָלט, ווען זרח-ברוך האָט צוגעטראָגן דעם ערשטן לעפל צום מויל.

זרח-ברוך האָט שוין געוואוסט, אז קוים האָט ער זיך געוואשן און נאָך ניט אָפּגעזאָגט דעם „שאו-ידיכם" — אהא ! ס'האָט זיך שוין א לאָז געטאָן שפּע, צוויי גויים מיט, להבדיל, א יידענע. די גויים גייען-אריין אין קלייט, פארדרייסן די קעפּ ארויף און קוקן, און די יידענע דערזעט, אז זרח-ברוך וואשט זיך עסן, רוקט זי זיך ארויס, ווי א צנועה, מיט א זייטל :

— עסט, עסט, רב זרח-ברוך, כ'וועל צוואווארטן.

נאָר זרח-ברוך וועט ניט ארויסלאָזן קיין קונה.

— וואָס דאַרפט איר ? — מאַכט ער צו דער יידענע און וואַרגט זיך מיט דער המוציא, און בתוך כך גייט ער צו צו די גויים :

— א שאָ, דיאדקע, סקאַזשעטע דאָבראָהאָ ? (וואָס וועט איר, פּעטערס, זאָגן גוטס ?)

און ס'לאָזט זיך אויס, אז די יידענע דאַרף דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ, און די צוויי גויים זענען זיך מודה, אז זיי זענען אריינגעקומען גלאַט אזוי אָנקוקן, מער נישט, און בכדי מ'זאָל

זיי נישט חושד זיין, אַז זיי מיינען עפּעס קויפן, שטייען זיי אַביסל, די קעפּ פאַרריסן אַרויף, און גייען פּאַוואָלינקע אַוועק. נאָר זרח-ברוך האָט פיינט, אַז קונים גייען אַוועק גאָרניט גע-קויפט, לויפט ער זיי נאָך און שלעפּט זיי פאַר די פּאָלדן:

— עי, טשעלאָוויטשע, פערעוועדנים, יאַ שאָס מאַיע טובי קאַזאַטע! (עי, מענטשל, קער זיך אום, כ'האָב דיר עפּעס צו זאָגן!).

נאָר די קונים לאָזן זיך ניט איבעררײדן און גייען-אַוועק, דער שוואַרץ-יאָר ווייסט וואוהין, און די ייִדענע האָט זיך דערוויל אַרויסגעגליטשט און אַרייִנגעכאַפּט זיך אין אַן אַנ-דער קלייט.

פאַר האַרצווייטיק פאַרלירט זרח-ברוך דעם אַפּעטיט צום עסן, און ס'קומט צו גיין דער באַלעבאָס רב לייבקע און פאַר-ריכט אים דאָס מזל.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט ער.

— ווער ס'איז געווען? — פרעגט זרח-ברוך און שלינגט גאַנצע שטיקער, כמעט נישט געקייעט — קונים זענען געווען.

— קונים? וואָס האָבן זיי געקויפט?

— געקויפט האָבן זיי? צרות האָבן זיי געקויפט.

— וואָס-זשע זאָגסטו „קונים"?

— וואָס-זשע דען זאָל איך זאָגן?

— קונים הייסט, אַז מ'גיט עפּעס צו לייזן.

— צו לייזן? איך וויל דען ניט לייזן?

— אַ דאַנק דיר וואָס דו ווילסט לייזן!

און ביידע, אי דער באַלעבאָס, אי דער „מענטש", בלאָזן זיך אָן איינס אויפן אַנדערן, נאָר מ'זאָגט ניט איינס דעם אַנדערן קיין קרום וואָרט: דער באַלעבאָס פילט, אַז ער האָט אים, אייגנטלעך, גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און דער „מענטש"

האָט דרך-ארץ פאַרן באַלעבאָס און שווייגט-אָפּ אויף אַלצ-דינג, וואָס מ׳זאָל אים ניט זאָגן.

נאָר אָט קומט די באַלעבאָסטע, קלינגט מיט די שליסע-לעך און מישט-אויף נאָכאַמאָל די אייגענע סדרה:

— ווער איז דאָ געווען?

— כ׳ווייס, ווער איז דאָ געווען? — זאָגט דער מאַן — פרעג ביי אים.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט זי ביים נאמן און קלינגט מיט די שליסעלעך.

דער נאמן שלינגט-איין דעם לעצטן ביסן, שטייט-אויף, טרייסלט אָפּ די ברעקלעך פון דער באָרד און קוקט אויף דער באַלעבאָסטע.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? כ׳פרעג, ווער איז דאָ געווען?

— ווער איז דאָ געווען? — זאָגט זרח-ברוך מיטן פרוי-עריקן נוסח — קונים זענען דאָ געווען.

— קונים? וואָס האָבן זיי געקויפט?

— געקויפט האָבן זיי? קדחת האָבן זיי געקויפט!

— וואָס-זשע זאָגסטו „קונים“?

— ווי אַזוי דען זאָל איך זאָגן?

— קונים הייסט, אַז מ׳גיט עפּעס צו לייזן געלט.

— לייזן געלט? כ׳וואָלט אייך אַ בעלן געווען לייזן געלט גלייך מיט אייך.

— כ׳מיין טאַקע באמת? ! . . .

די דאָזיקע ווערטער: „כ׳מיין טאַקע באמת“ ווערן גע-זאָגט מיט אַזאַ ניגון און מיט אַזוי פיל סם-המות, אַז זרח-ברוך קרענקט-אויס דאָס גאַנצע עסן . . .

(שמחת תורה)

ווער פארשווארצט א גאנצע וואך, פאר ארום היין און צוריק מיטן ביידל, פארדין טאקע קיין עין-הרע דאס שטיקל ברויט, אבער טאקע נישט מער ווי דאס שטיקל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט גייט אוועק אויף זיי, להבדיל, אויף די פערדלעך הייסט דאס, זיי דארפן קיין עין-הרע היי און האָ-בער אלע טאג. דעם וואגן שמירן דארף מען אויך, און א שטוב קיין עין-הרע אויסהאלטן איז נישט קיין ווערטעלע, און אליין איז מען אויך א מענטש, אונטערוועגנס קיין עין-הרע אליין א באלעגאלע, שוין ניט קיין שמייסער ביי יענעם, אמאל אביסל בראנפן, אמאל פארבייסן, די נשמה אויסשפייען קאן מען ניט, און אינמיטן דרינען, טראך, פאלט גאר א פערד, איז אן עק. אוים גדולה!

א שטיקל גליק, הערט איר, פאר נאשבראט, וואס גאט האט געשענקט אונדז דאס שטיקל שבת — א מתנה פון זיין ליבן נאמען. קומט שבת, וועט איר מיך ניט דערקענען, קיין עין-הרע גאר אן אנדער מענטש! אז איך קום פארפרי פריי-טיק אהיים, איז ראשית חכמה פון אלע ראשית חכמות — אין מרחץ אריין. דארטן פארע איך מיך קיין עין-הרע אוים אויף אלע זייטן, ווערט אויף מיר א גאנצע פעל. איך קום אהיים א פרישער, א צאפלדיקער טרעף איך אויפן טיש די שיינע צוויי אויסגעריבענע לייכטער מיט קיין עין-הרע צוויי גרויסע קוילעטשן, און די קלוגע פיש קיין עין-הרע לאזן זיך הערן שוין פונעם אויפן-אויוון איבער דער גאנצער שטוב, און אין שטוב איז ווארעם קיין עין-הרע, ריין און ציכטיק אין אלע ווינקעלעך, כאטש שפיגל זיך. דער טשאלנט איז פאר-רוקט, דער פריפעטשיק אפגעשמירט, די קאץ ווארעמט זיך, און איך, להבדיל, בין מעביר די סדרה קיין עין-הרע צוויי

מאָל; נאָכדעם גיי איך מיר אין שול אריין דאַווגען און קום אהיים מיטן ברייטן גוט-שבת, זאָג אָפּ די שלום-עליכמס, מאַך קיין עין-הרע דעם פיינעם קידוש איבער קיין עין-הרע אַ גוט ביסל בראָנפן, עס-אָפּ קיין עין-הרע די גוטע וועטשערע, די אמתע פיש, די ריינע יויך מיטן צימעסדיקן צימעס און לייג מיך רוען. שלאָף איך אָפּ קיין עין-הרע די נאַכט ווי אַ מלך; און אין דער פרי גיי איך מיר אין שול אריין, קיין עין-הרע ווי אַ גראַף, און אין דער היים וואַרטן שוין אויף מיר קיין עין-הרע אַלע שבתדיקע מאכלים: דער באַלעבאַטישער רע-טעך מיט די כשרע ציבעלעס, די געהאַקטע אייער מיטן שיי-נעם לעבער, די פיינע פּעטשאַ מיטן ליטישן קנאָבל, די הייסע יויך מיטן פעטן קוגל, וואָס רינט פון אים קיין עין-הרע די שמאַלץ ווי פון אַ וואַרעטשיק. אוודאי קאָן מען נאָך אַזאַ מין סעודה קיין עין-הרע גוט שלאָפן. און אַז מ׳שלאָפט זיך אויס נאָך אַזאַ ווארעמס, וויל מען דאָך קיין עין-הרע אַ טרונק. און אַז ס׳ברענט אויפן הארצן, זאָגט איר, איז עפּלקוואַס נישט קיין שלעכט ביסל משקה, און באַרלעך-צימעס נישט קיין שלעכט מאכל. און אַז מ׳טרינקט אויס אַ קוואַרט עפּל-קוואַס קיין עין-הרע און מ׳פאַרבייסט מיט באַרלעך-צימעס, נעמט מען זיך צום תהילים און מ׳רייבט קיין עין-הרע גע-שמאַק איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן; זיי פליען קיין עין-הרע, די קאַפּיטלעך, ווי די ווערסטן אויפן גרויסן טראַקט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע...

(קיין עין־הרע כּיט)

ער, אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ ברייט-ביי‏ניקער, אַן אויס-געדינטער סאָלדאַט מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד, מיט אַ וואַטאָווע גלאַנצנדיקע קאַפּאָטע און מיט שטענדיק אונטערגע-בונדענע שטיוול, און זי — אַ הויכע, אַ געזונטע, אַ פּעטע יידענע מיט אַ שוואַרץ גלאַנצנדיק געשטופּלט פּנים, נאָר מיט גוטע גרויע אויגן, מיט אַ קעסטלדיקער פּאַטשיילע אויפן קאָפּ און מיט שטענדיק אַן אונטערגעשטעקט קליידל, וואָס ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען פון דעם אַ פּאָר גרויסע פיס אין מאַנס-בילשע גרויסע שטיוול.

קיין זאַך אויף דער וועלט האָט דאָס פּאָרל ניט געוואוסט, אַ חוץ דער באָד. שטענדיק איז מען געווען פאַרנומען נאָר מיט דער באָד: אָדער מ׳הייצט די באָד, אָדער מ׳רייניקט די באָד, אָדער מ׳פאַרריכט די באָד — קיינמאָל זיצט מען ניט ליידיק, סיידן ביינאַכט, אַז אַלע פייערן ווערן פאַרלאָשן, דע-מאָלט זעצן זיך אַוועק אדם מיט חוהן איבער אַ טעפּל קאַר-טאָפליעס און מ׳פאַרקלויבט זיך ווינטער אויפן אויוון און זומער אין דרויסן ביי דער פּריזבע, און קיינעם, קיינעם איז אין כתריליעווקע ניט אַזוי גוט, ווי דעם דאָזיקן פּאָרל. קיינער, קיינער האָט ניט אַזאַ שטענדיקע פאַרזאָרגטע פּרנסה, ווי אדם מיט חוהן.

אַז קיין ראַטע צאָלן באַדאַרף מען ניט, און קונים איז מען קיינמאָל ניט זשעדנע, וואָרעם ווי אָרעם די שטאָט זאָל ניט זיין — אַן אַ באָד קאָן זיך אַ ייד ניט באַגיין. אמת, קיין גרויסע גליקן קאָן מען דערפון ניט מאַכן, קאַפּיטאַלן קאָן מען ניט קלויבן, און קיין הייזער אייגענע קויפן אוודאי נישט, וואָרעם וואָס צאָלט אַ כתריליעווקער ייד, משטיינס געזאָגט, אַז ער קומט שוין ערב-שבת אין מרחץ אַריין? היינט וויפיל

האָלץ נעמט צו די באָד, אַז דער קעסל בסך-הכל איז שוין אַלט, און די שטיינער זענען צעפאַלן, און די ווענט לייכטן זיך דורך, און פון דער סטעליע קאַפּעט. יעדער קאַפּ, וואָס פאַלט אויפן הוילן לייב פון די נאַקעטע באַלעבאַטים, טוט אַ ברי, אַ ברען, ברענט אוים אַ שטיק פליש, מ׳טוט אַזש אַ טאַנץ-אונטער און אַ מאַך בשעת-מעשה: „איף — אוי!״ — ווי די רשעים אין גיהנום, בשעת מ׳טרייבט זיי אויף צעגליטע צוועקעס. און דער עולם לאָזט אוים דאָס ביטערע הארץ אויפן בעדער, שעלטן אים אָן אַ פולן קאָפּ, און ער, דער בעדער, טוט זיך זיינס: גיסט וואַסער אויפן הייסן שטיין און וואַרטשעט זיך אין באָרד אַריין: „איר פאַרשטייט אַ מעשה? אויסגעבויט אַ באָד נאָך פאַר כמעלניצקעס צייטן און ווילן ס׳זאָל ניט קאַפּען!״ און ער פאַרריכט אַלעמאָל מיט זיינע אייגענע הענט די אַלטע באָד, פאַרשטעקט די ווענט, פאַרלאַטעט דעם דאַך, שפאַרט אים אונטער מיט אַן אַפּאַפּאַלעק און רייניקט אָפּט די מקוה, בכדי די כתרילעוקער חכמים זאָלן זיך ניט ווערטלען און ניט זאָגן קיין המצאות, אַז זיי הערן דאָרטן זשאַבעס קוואַקען...

און אדם הראשון שטייט אויף גאַנץ פרי, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, שלעפּט מיט די געזונטע גראָבע ידים אַן עמער נאָך אַן עמער און זעצט בשעת מעשה גאַנצע שטיקער תהילים אויסוויייניק מיט אַ ניגון, און דאָס קול זיינס קלינגט, הילכט, לאָזט זיך הערן פון דער באָד אַרוים און קייקלט זיך מיטן ווינט איבער די ברעגן פונעם טייך און ווערט פאַרפאַלן העט-ווייט דאָרטן, אַזש אויף יענער זייט טייך, וואו אַ פויגל האָט זיך פאַרקליבן אויף אַ צווייגל פון אַ בוים, שאַרעכט שטילערהייט, שאָקלט זיך און רייניקט דעם פּיסק און טראַכט מכוח אַנבייסן...

(די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך)

חיים חייקין:

חיים חייקין איז נעבעך א גרויסער אביון און א מטופל מיט קינדער — און פון זיי, פון די קינדער, איז ער זיך מפרנס.

קינדער האָט ער, מיינסטנס, מיידלעך, און זיי זענען אויף דער „פאַבריקע", זיי אַרבעטן גילזן, און פאַרדינען ווער א גילדן און ווער א האַלבן גילדן א טאָג. אי דאָס — נישט אַלע טאָג: וואו איז שבתים? ימים-טובים? וואו זענען די טעג פון „שטרייק"? דאַנקען גאָט, אומעטום, אפילו דאָ אין כתרילעווקע, ווייסט מען שוין: סטרייק!

און דערפון דאַרף מען צאָלן דירה-געלט — א נאַס ווינקל ערגעץ אין א קעלער.

און דערפון דאַרף מען קליידן אַלעמען און שוכן, משטיינס געזאָגט! קליידלעך האָבן אַלע, נאָר שיך — א פּאָר אויף צווייען.

און דערפון דאַרף מען עסן, משטיינס געזאָגט! מכות עסט מען; ברויט א שטיקל, אָנגעשמירט מיט קנאָבל, אַמאָל א קרופּניק, אַמאָל טאַראַן א שטיקל, וואָס ברענט ארויס דאָס האַרץ, קאָן מען נאָכדעם טרינקען, טרינקען א גאַנצע נאַכט.

קומט צום עסן, דאַרף מען טיילן, אַלעמען ארויסטיילן דאָס שטיקל ברויט, ווי לעקעך.

— אוי דאָס עסן! אוי דאָס עסן זייערס!

אזוי זאָגט חייקע, חיים חייקינס ווייב, א קראַנקע נעבעך, הוסט, הוסט, גאַנצע נעכט.

— קיין עין-הרע — זאָגט דער פאָטער חיים חייקין, און ער קוקט, ווי די קינדער שלינגען גאַנצע שטיקער ברויט, און אַליין וואָלט ער אויך עפּעס א בעלן זיין נעמען אין מויל

אריין, נאָר אַז ער וועט נעמען — וועלן די צוויי קליינינקע קליינעטשקע, פריידקע און ביילקע, בלייבן אָן וועטשערע.

און ער צעשניידט זיין חלק ברויט אויף צווייען און גיט אַוועק די צוויי קליינעטשקע, פריידקען און ביילקען.

— פריידקע! ביילקע! נאט אייך נאָך צו שטיקלעך ברויט, וועט זיין אויף וועטשערע.

פריידקע און ביילקע ציען-אויס די דאַרע שוואַרצע הענטלעך, קוקן דעם פאָטער אין די אויגן אריין, גלויבן נישט: אפשר טרייבט ער קאַטאָוועס? . . . קינדער זענען נאַשערס: שפּילן זיך מיטן טאַטנס חלק אַזוי לאַנג, ביז זיי בייסן-אָפּ אַלעמאָל אַ שטיקל. דערזעט די מוטער און הויבט אָן שרייען און הוסטן בשעת מעשה:

— רק מען עסט, רק מען עסט!

דער פאָטער קאָן דאָס נישט הערן, וויל איר אָפּענטפערן, נאָר ער שווייגט; ער קאָן נישט ריידן, ער ט אָ ר נישט ריידן. וואָס איז ער דאָ? אַ צעבראָכענער שאַרבן. ער איז דאָ דער לעצטער שבלעצטער, איבעריק ביי אַלעמען, איבעריק ביי זיי, איבעריק ביי זיך אַליין.

וואָס משטיינס געזאָגט, אַז טון טוט ער גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט; נישט מחמת ער וויל נישט, אָדער מחמת עס שטייט אים ניט אָן, נאָר ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו טון! נישטאָ און געגוג! דאָס גאַנצע שטעטל קלאָגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טון! — — —

ער ווייסט, ווי אַזוי די קינדער האָרעווען זיך אָן דעם טאָג; ער ווייסט, אַז מ'קוועטשט פון זיי אַרויס דעם שווייס ביזן לעצטן טראָפּן. ער ווייסט!

יעדער ביסן ברויט איז ביי אים אַ טראָפּן בלוט; ער טרינקט די קינדערס בלוט. איר הערט? ער, חיים חייקין, טרינקט זייער בלוט. ער ק אָ ן נישט! — — —

— איבער דער קישקע, איבער דער תאוה פון עסן, נע-מען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. איבער דער קישקע, אי-בער דער תאוה פון עסן, בין איך אַ קבצן און מיינע קינדער באַדאַרפֿן האָרעווען מיטן בלוטיקן שוויס, ריזיקירן מיטן לעבן פֿאַרן שטיקעלע ברויט.

„וואָס וואָלט זיין, למשל, ווען אַ מענטש זאָל נישט באַ-דאַרפן עסן? איי-איי-איי! מיינע קינדער וואָלטן דעמאָלט זיין אַלע אין דער היים! אויס האָרעווען! אויס שוויצן! אויס סטרייקעווען! אויס ריזיקע! אויס פאַבריקן! אויס פאַבריקאַנט! אויס נגיד! אויס קבצן! אויס קנאה! אויס שנאה! אויס, אויס, אויס! — אַ גן-עדן! אַ גן-עדן!"

— — —

און חיים חייקין האַלט די אויגן צו און זעט פאַר זיך אַ מאָדנע וועלט, אַ נייע וועלט, אַזעלכע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזען. מלאכים עפּעס שוועבן אים פאַר די אויגן, און ער קוקט אויף זיי און דערקענט אין זיי זיינע קינדער, אַלע, די גרויסע און די קליינע, און ער וויל זיי עפּעס זאָגן, און ער קאָן נישט ריידן . . . ער וויל זיך פאַר-ענטפערן פאַר זיי, אַז ער איז נישט שולדיק... נישט ער איז שולדיק! . . . וואָס איז ער, חיים, שולדיק, אַז, קיין עין-הרע, אַזוי פיל יידן האָבן זיך צונויף געקאָמפּאַניעט אַלע אויף איין שטיקל אָרט, קוועטשן, דריקן, עסן איינס דאָס אַנ-דערע? וואָס איז ער שולדיק, אַז מענטשן דאַרפן יענעמס שוויס, אַז מענטשן דאַרפן מענטשן-בלוט? וואָס איז ער שולדיק, אַז מענטשן זענען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז אַ מענטש אַ מענטשן זאָל נישט טרייבן, ווי מ׳טרייבט אַ פערד צו דער אַרבעט? — — —

(אַ גרינגער תענית)

לאה די מויד (אַזוי האָט מען זי גערופן אין דער דינסט, כאָטש ביי זיך און ביי אירע באַקאַנטע האָט זי געהייסן „ליזע״) האָט זיך געאײַלט אָנטון יום-טובדיק, און כאָטש דער גאַנצער אָנטאָן אירער איז באַשטאַנען ניט מער ווי אין אַ ציצן קלײדל מיט אַ קאַפּטל, נײַע שיך און אַ סטענגע אויף די האָר, פונדעסטוועגן באַברעט זי זיך ווײַס איך וויפיל צייט און איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיק. ס׳איז תמיד אַזוי: אַז מ׳וויל גיך, געדויערט עס, און אַז מ׳שלאָגט האַלדז-און-נאַקן, פאַלט פון די הענט. ליזע (לאָמיר איר טון צוליב און רופן זי אַזוי, ווי איר געפעלט) האָט זיך אָנגעטון יום-טובדיק און איז צו-געגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע ווײַזן, אַז זי איז פאַרטיק. די באַלעבאָסטע האָט געגעבן אַ פּליעסק מיט די הענט:

— זע נאָר, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצלט! אַ ריינע פּרינצעסין! פּס נו! קיין עין-הרע! קיין בייז אויג! פאַרנוץ געזונט און גיב כאָטש אַכטונג אויף די שיך, זאָלסט נישט אַריין מיט זיי אין אַ קאַליושע! און דאָס קליידל, נישקשה, מעגסטו אויך אונטערהויבן אין דער בלאָטע. ס׳איז פאַר מײַן געלט, וואָס דו האָסט ביי מיר פאַרדינט, מעג איך דיר, דאַכט זיך, זאָגן אַ דעה, צי ניין? — — —

וואָס וועט זי איר ענטפערן, אַזאַ „פּערעוואָריכע״, אַז זי פאַרשטייט אפילו ניט, אַז דאָס געלט, וואָס די דינסט האָט ביי איר פאַרדינט, געהער צו דער דינסט, ניט צו איר? איר מאַקס זאָל דאָ זיין — ער וואָלט שוין וויסן וואָס צו ענטפערן אַזאַ בורזשויקע! . . . אַ רעכטער יאַט, אָט דער מאַקס! ערשט היינטיקן פאַר-פּסח האָט זי זיך מיט אים באַקענט, גייענדיק פון פּאַדריאַד איינמאָל פאַר נאַכט אַהיים. דעם גאַנצן וועג האָט ער מיט איר גערעדט פון אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט זיי

קיינמאָל ניט געהערט, נאָר באַלד געכאַפּט מיטן שכל. פון באַ-לעבאַטים האָט ער מיט איר גערעדט און פון ארבעטער. ביז אהער האָבן געוועלטיקט זיי, די באַלעבאַטים; אָט באַלד וועלן אָנהויבן געוועלטיקן מיר, די ארבעטער.

שוין אַז זיי זענען געווען ביי די טיר, האָט ער זי אַ פרעג געטאָן, צי זי קען לייענען אַ ביכל?

— אַ וואָסערס? אַ יידיש?

— פאַרשטייט זיך, אַ יידיש.

— פאַרוואָס ניט? איך נעם אַלע פרייטיק ביי רב אַל-טערן אַ מעשה-ביכל אויף איבערלייענען. אַז איך לייען אי-בער דאָס ביכל, גיט ער מיר איבער-אכט-טאָג-פרייטיק אַן אַנ-דערס, דאָס הייסט, טאַקע די אייגענע מעשה, נאָר אין אַן אַנדער ביכל. מחמת די מעשה איז אַ לאַנגע מעשה, זי ציט זיך פון סוכות אָן...

מאַקס הערט זי אויס מיט אַ האַלבן שמייכל:

— ניט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אָט וועל איך אייך געבן אַ ביכל, וועט איר וויסן...

און ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, ציט אַרויס פון דער כאַליעווע פון די שטיוול אַ קליין פאַרשמאַלצעוועט בי-כעלע און גיט דאָס איר איבער, ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס ניט האַלטן אויבן-אויף...

— וואָס איז דען?

— אַז מ'זאָגט אייך, זאָלט איר ניט פרעגן פאַרוואָס...

ליזע האָט דאָס ביכעל ביי אים צוגענומען מיט דעם איי-גענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איר געגעבן, און אַז זי איז געקומען מיט דעם אהיים, האָט זי געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון דער באַלעבאָסטע, דערפאַר, וואָס זי, אַז זי גייט אוועק, פאַר-געסט זי דעם זיי-געזונט. און אַז אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי אַרויסגעדרייט דאָס לעמפּל און האָט זיך

אוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכל, וואָס מאַקס האָט איר גע-
געבן. אויפן ערשטן בלעטל, גאַנץ אויבנאָן, איז געשטאַנען
מיט גרויסע אותיות: אַרבעטער פון אַלע
לענדער, פאַראייניקט אייך!...

פון דעמאָלט אָן זעט זיך ליזע מיט מאַקסן אַלע פאַר
נאַכט, און זי קאָן זיך ניט דערמאָנען, פון וואָסער אַ מאָ-
מענט זיי זענען אַריבערגעגאַנגען פון „איר" אויף „דו". זי
ווייסט נאָר, אַז ווען זי זעט אים ניט, ציט דאָס זי צו אים, ווי
מיט אייזערנע צוואַנגען, און אַז זיי באַגעגענען זיך, ווייסט זי
ניט, וואוהין די צייט גייט אוועק. זיי האָבן אַזוי פיל צו
ריידן, אַז ס׳וועט דאַכט זיך, ביי זיי קיינמאָל ניט אויסשעפּן
זיך, און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז צוקער-זיס. אַ נייע וועלט
האָט ער פאַר איר אויפגעעפנט מיט זיינע רייד. ביז אַהער
האָט זי געוואוסט, אַז ווייל זי, ליזע, איז אַ דינסט, און „פּע-
רעוואַריכע" איז אַ נגידית, דאַרף זי, ליזע, זיין ביי „פּערעוואַ-
ריכן" אין גלות, דאַרף קאָכן און באַקן און וואַשן און רייניקן
אויף דער גאַנצער שטוב. איצט לאָזט זיך אויס אַ מעשה
גאָר פאַרקערט: אַז ווייל די גאַנצע שטוב שטייט אויף איר,
אויף ליזען, דאַרף „פּערעוואַריכע" די נגידית וויסן דרך-
ארץ. וואו איז געווען איר שכל ביז אַהער? ניט געווען
מאַקס, איז ניט געווען קיין שכל; געקומען מאַקס, איז גע-
וואָרן גאָר אַנדערש. דאָס הייסט, דערווייליע איז נאָך אַלץ
אַזוי ווי פריער: ליזע איז אַ דינסט און „פּערעוואַריכע"
שעלט און קאָרעניעט, דאָס מויל מאַכט זיך איר ניט צו. ס׳איז
אָבער אַלצדינג נאָר דערווייל, ביז אַ צייט. ס׳גייט אַ צייט, אַ
גאָלדענע צייט!...

(תרוסת)

— „אַ גוטן אָוונט, רב טביה!“ — הער איך עמעצער רופט מיך אָן ביים נאָמען. איך דריי מיך אַרום, איך טו אַ קוק — אַ באַקאַנטער: מ אָ ט ל ק אַ מ ז ו י ל, אַ שניידער-יונג פון אַנאַטעווקע. — ברוך הבא, זאָג איך, סקאָצל קומט, מ׳זאָל דערמאָנען משיחן. זיץ, מאָטל, אויף גאָטס ערד, זאָג איך, ווי קומסטו פּלוצעם אַהער? — „ווי איך קום? מיט די פיס“. — מאַכט ער צו מיר און זעצט זיך אַוועק נעבן מיר אויפן גראָז און קוקט אַהין, וואו מיינע מיידלעך דרייען זיך אַרום מיט די טעפּלעך און מיט די קריגלעך. — „איך קלויב מיך שוין לאַנג צו אייך, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, נאָר איך האָב אַלץ קיין צייט ניט; איין שטיקל אַרבעט אַרויםגעלאָזט, דאָס אַנדערע גענומען. איך בין מיר היינט אַליין פאַר זיך אַ שניידער. אַרבעט איז פאַראַן ברוך-השם, גענוג, אַלע שניידערס זענען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ס׳איז ביי אונדז ממש אַ זומער פון חתונות: בערל פאָנפאַטש מאַכט חתונה; יאָסל שייגעץ מאַכט חתונה; מענדל זאַאיקע מאַכט חתונה; יאַנקל פּיסקאַטש מאַכט חתונה; משה גאָרגל מאַכט חתונה; מאיר קראַפּעווע מאַכט חתונה; חיים לאָשעק מאַכט חתונה; און אפילו טריהובעבע די אלמנה מאַכט אויך חתונה!“ — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, מאַכט חתונה, נאָר איך איינער האַלט נאָך נישט דערביי; מסתמא בין איך נישט ווערט ביי גאָט . . . — „ניין, מאַכט ער צו מיר און קוקט אַהין, וואו די מיידלעך זענען, איר האָט אַ טעות, רב טביה; איר זאָלט וועלן, וואָלט איר אויך געהאַלטן איצט ביי חתונה מאַכן, ס׳ווענדט זיך נאָר אָן אייך“ . . . — דהיינו, זאָג איך, ווי אַרום? אפשר מיינסטו אַ שידוך פאַר מיין צייטלען? — „ווי געמאָסטן!“ — מאַכט ער צו מיר. —

באַטש עפּעס אַ רעכטן שידוך? — זאָג איך און טראַכט מיר בשעת מעשה: ס׳וועט זיין שיין, טאָמער מיינט ער לייזער-וואָלף דעם קצב! . . . „טשאַקנדיק און קנאַקנדיקן!“ — ענט-פערט ער מיר אויף שנײדער-לשון און קוקט אַלץ אַהין, וואו די מיידלעך זענען. — פון וואַנען, למשל, איז דער שידוך דיינער, פרעג איך אים, פון וואָסערע קאַנטן? אויב ער שמעקט מיט יאַטקע, זאָג איך, וויל איך גאָרניט הערן, ניט זען! — „חס וחלילה, זאָגט ער, ער הויבט נישט אָן שמעקן מיט יאַטקע; איר קענט אים, רב טביה, זייער גוט!“ . . . איז דאָס באַטש, זאָג איך, עפּעס אַ גליכע זאַך? — „נאָך אַ מין גלייך, זאָגט ער, גלייך צו גלייך איז נישט גלייך; ס׳איז, ווי מ׳זאָגט, אָגיל ואשמח — צוגעשניטן און אויפגעניים!“ . . . ווער-זשע איז דער שידוך, זאָג איך, לאָמיר האָרכן? — „ווער דער שידוך איז? — מאַכט ער און קוקט אַלץ אַהין. — דער שידוך איז, פאַרשטייט איר מיך, רב טביה, טאַקע איך אליין“ . . .

ווי ער האָט דאָס מיר נאָר אויסגערעדט, אַזוי בין איך אונטערגעשפּרונגען, ווי אָן אָפּגעבריטער, פון דער ערד, און ער נאָך מיר און אַזוי זענען מיר געבליבן שטיין איינער אַנט-קעגן אַנדערן, אָנגעדראָדלט, ווי די העגער. צי דו ביסט משוגע געוואָרן, זאָג איך צו אים, צי דו ביסט גלאַט אַזוי אַראָפּ פונעם זינען? ביסט אַליין דער שדכן, אַליין דער מחותן און אַליין דער חתן, דאָס הייסט, אַן אייגענע חתונה מיט אייגענע כלי-זמר! איך האָב נאָך, זאָג איך, אַזעלכעס נישט געהערט אין ערגעץ, אַז אַ בחור זאָל זיך רעדן אַ שידוך! — „דאָס, וואָס איר זאָגט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, אַז איך בין משוגע, לאָזן אונדזערע שונאים משוגע ווערן; איך בין נאָך, מעגט איר מיר גלויבן, ביי אַלע גע-דאַנקען; מ׳באַדאַרף גאָרניט זיין, זאָגט ער, משוגע, אַז מ׳זאָל

וועלן אייער צייטלען; א סימן האט איר, אז לייזער-וואלף, וואס איז דער גרעסטער נגיד ביי אונדז אין שטאט, האט זי געוואלט נעמען ווי זי שטייט און גייט . . . איר מיינט, ס'איז א סוד? דאס גאנצע שטעטל ווייסט שוין! . . . און דאס, וואס איר זאגט, אליין אן א שדכן, איז מיר א חידוש, זאגט ער, אויף אייך; איר זענט דאך, רב טביה, עפעס יא א ייד וואס קאטארי קיין פינגער אין מויל דארף מען אייך נישט ארייןלייגן, איר וועט אפבייסן . . . נאר וואס טויג לאנגע שמועסן? די מעשה פון דער געשיכטע, זאגט ער, איז אזוי: איך און אייער טאכטער צייטל האבן זיך געגעבן דאס ווארט שוין לאנג שוין העכער א יאר, אז מיר זאלן זיך נעמען"...

א מעסער אין הארצן, ווען עמעצער זעצט מיר אריין, וואלט מיר געוועזן א סך מער ניחא, ווי די דאזיקע ווערטער: ערשטנס, ווי קומט ער, מאטל שניידער, צו טביהן פאר אן איידעם? והשנית, וואס איז פאר דיבורים: זיי האבן זיך געגעבן דאס ווארט, אז זיי זאלן זיך נעמען? — נו, און וואו בין איך? — רוף איך מיך אן צו אים. — עפעס האב איך אויך א שטיקל דעה צו זאגן אויף מיין קינד, צי מיך פרעגט מען שוין גארנישט? — „חס וחלילה, מאכט ער, דערויף בין איך דאך טאקע געקומען צו אייך איבעררײדן, אזוי ווי איך האב דערהערט, אז לייזער-וואלף שדכנט זיך צו אייער טאכטער, וואס קאטארי שוין העכער א יאר אז איך האב זי ליב..." — „סא משל, זאג איך, אז טביה האט א טאכטער צייטל, און דו הייסט מאטל קאמזויל און ביסט א שניידער, היינט וואס האסטו צו איר, דו זאלסט איר פיינט האבן? . . . — — — —

בקיצור, וואס זאל איך אייך דא לאנג מאריך זיין? ער האט מיך איבערגערעדט, ווארעם — למאי זאלן מיר זיך נארן, ווי אזוי האבן אלע יידישע קינדער חתונה? אז מ'זאל

וועלן קוקן אויף די זאכן, וואָלט אונדזער גראד קיינמאָל נישט באדארפט חתונה האָבן . . . איין זאך האָט מיר נאָר פארדראָסן און האָב דאָס נישט געקענט פארשטיין בשום-אופן: וואָס הייסט, ז י י א ל י י ן ה א ָ ב ן ז י ך ג ע ג ע ב ן ד א ָ ס ו ו א ָ ר ט ? וואָס איז דאָס פאר א וועלט געוואָרן? א בחור באגעגנט זיך מיט א מיידל און זאָגט צו איר: ל א ָ מ י ר ז י ך ג ע ב ן ד א ָ ס ו ו א ָ ר ט, א ז מ י ר ז א ָ ל ן ז י ך נ ע מ ע ן . . . עפּעס גלאָט הפקר-ציבעלעס! . . . נאָר אז איך האָב א קוק געטאָן אויף מיין מאָטלען, ווי ער שטייט זיך אזוי, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ווי א זינדיקער מענטש, מיינט דאָס גאנץ ערנסט, אָן שום חכמות דערביי צו האָבן, האָב איך מיך מיישב געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט באַרעכענען טאַקע דאָס אייגענע ווידער צוריק. וואָס ברעקל איך מיך אזוי און וואָס מאך איך דאָ אָנשטעלן? דער גרויסער מיוחס וואָס איך בין? רב צאָצע-לעס אַן אייניקל, צי די גוזמות נדן, וואָס איך גיב מיין טאָכ-טער, צי די הלבשה אירע, משטיינס געזאָגט? . . . מאָטל קאַמזויל איז טאַקע אַ שניידער, ער איז אָבער אַ גאַנץ פיין בחורל, אַן ארבעטס-יונג, קאָן געבן אַ ווייב ברויט, און דערצו נאָך אַן ערלעך יינגל אויך, היינט וואָס האָב איך צו אים? — טביה, זאָג איך צו מיר אליין, מאַך נישט קיין פוילע תנועות און זאָג באָם, ווי אין פסוק שטייט: ס ל ח ת י כ ד ב ר י ך — לאָז זיין מיט גליק! . . .

(היינטיקע קינדער)

איך טו א קוק — א בחורל שפאנט זיך מיט די רגלים איבערן זאמד, האלט א פעקל אונטערן אָרעם און שוויצט, פּאָכעט מיט דער נשמה. „יעמוד החתן רב יאָקל בן פלעקל!— זאָג איך צו אים. — זעץ דיך אויף, הער נאָר, וועל איך דיך אביסל אונטערפירן. איך פאָר במילא לידיק, ווי שטייט דאָרטן, זאָג איך, ביי אונדז געשריבן: „דיין חברס אייזל אז דו באַגעגנסט, איז ע ז ו ב ת ע ז ו ב — דאַרפסט אים נישט פאַרלאָזן, הײנט לא כל-שכן א מענטש" . . . לאַכט ער, דער שלים-מזל, און לאָזט זיך דווקא לאַנג נישט בעטן און קריכט אין וועגעלע אריין. „פון וואַנען, זאָג איך, שפּאַנט דאָס, למשל, א בחורל?" „פון יעהופּעץ." „וואָס האָט, זאָג איך, אזא בחורל, ווי דו, צו טון אין יעהופּעץ?" „אזא בחורל, ווי איך, זאָגט ער, גיט אָפּ אקזאמענס". „אויף וואָס, זאָג איך, שטודירט אזא בחורל, ווי דו?" „אזא בחורל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט נאָך אליין ניט אויף וואָס ער שטודירט". „אם כן, זאָג איך, וואָס-זשע דולט זיך אזא בחורל, ווי דו, אום-זיסט דעם קאָפּ?" „זאָרגט זיך נישט, רב טביה, אזא בחורל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון". „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, ווי באַלד, אז איך בין דיר שוין יאָ באַ-קאַנט, טאָ ווער ביסטו, למשל?" „ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, א מענטש". „איך זע, זאָג איך, אז נישט קיין פערד; איך מיין ו ו ע מ ע נ ס ביסטו?" וועמענס, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך בין גאָטס". „איך ווייס, זאָג איך, אז גאָטס; ס'שטייט, זאָג איך, ביי אונדז געשריבן: כל החיה וכל הבהמה. איך מיין, זאָג איך, פונוואַנען שטאַמסטו, צי ביסטו אַן אונדזעריקער, צי אפשר פון דער ליטע?" „שטאַ-מען, זאָגט ער, שטאַם איך פון אָדם הראשונען און אליין בין

איך, זאָגט ער, אַ היגער, איר קענט מיך". „ווער זשע, זאָג איך, איז דער טאַטע דיינער? לאָמיר שוין הערן!" „מיין טאַטע, זאָגט ער, האָט געהייסן פּערטשיק". „טפו זאָלסטו ווערן! האָסטו, זאָג איך, באַדאַרפט אַזוי לאַנג מוטשען? ביסטו, הייסט דאָס, פּערטשיק דעם פּאַפּיראָסניקס אַ זונדל?" „בין איך, זאָגט ער, פּערטשיק דעם פּאַפּיראָסניקס אַ זונדל". „און שטודירסט, זאָג איך, אין די קלאַסן?" „און שטודיר, זאָגט ער, אין די קלאַסן". „נו-נו, מהיכא-תיתי, זאָג איך, אָדם אַ מענטש, צפור אַ פֿויגל, קאַטשקע רוק זיך. זאָג זשע מיר, זאָג איך, תכשיט מיינער, פֿון וואָס, למשל, לעבסטו, אַשטייגער?" „פֿון דעם, זאָגט ער, וואָס איך עס". „אַהאַ, זאָג איך, גאַנץ גוט; וואָס-זשע, זאָג איך, עסטו?" „אַלצ-דינג, זאָגט ער, וואָס מ׳גיט מיר". „איך פֿאַרשטיי, זאָג איך, ביסט נישט קיין איבערקלויבער: אַז ס׳איז דאָ וואָס צו עסן, עסטו, און אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן, פֿאַרבייסטו מיט אַ ליפּ און לייגסט זיך שלאָפֿן אַ ניכטערער. נאָר וואָס דען, זאָג איך, ס׳איז אַלצדינג כדאי, אַבי שטודירן אין די קלאַסן, זאָג איך; גלייכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נגידים, ווי אין פּסוק שטייט: כולם אהובים, כולם ברורים" . . . אַזוי זאָג איך צו אים מיט אַ פּסוק און מיט אַ מדרש, ווי טביה קאָן. מיינט איר דאָך, אַז ער שווייגט מיר אָפּ, פּערטשיק הייסט עס? „ניט דערלעבן, זאָגט ער, ווען די נגידים, אַז איך זאָל זיך צו זיי גלייכן! איך האָב זיי, זאָגט ער, אין דער ערד!" „ביסט מיר עפּעס שטאַרק, זאָג איך, אויפגעטראָגן, זאָג איך, אויף די נגידים? איך האָב מורא, זאָג איך, אויב זיי האָבן זיך ניט צעטיילט, זאָג איך, מיט דיין טאַטנס ירושה". „זאָלט איר טאַקע וויסן, זאָגט ער, אַז איך און איר און מיר אַלע, קאָן זיין, האָבן אַ גרויסן חלק ביי זיי אין דער ירושה" . . . „ווייסטו וואָס, זאָג איך, לאָזן שוין דיינע

שונאים רעדן פאַר דיר, איך זע אַרויס, זאָג איך, נאָר איין זאַך, אַז דו ביסט אַ ייִנגל נישט קיין פאַרפאַלענער און די צונג באַדאַרף מען דיר נישט פּיקן; אויב דו וועסט, זאָג איך, האָבן צייט, קאָנסטו זיך אַריינכאַפּן צו מיר היינט אויף דער נאַכט, וועלן מיר אַביסל שמועסן, און טאַקע בדרך הליכה, כאַפּן מיט אונדז אַ וועטשערע" . . .

אוודאי האָט זיך מיינער נישט געלאָזט איבערחזרן די ווערטער און איז געקומען צוגאַסט, געטראָפן אַקוראַט צום סמיטשיק, בשעת דער באָרשט איז געשטאַנען אויפן טיש און די מילכיקע קנישעס אין אויוון האָבן זיך נאָך געפּרעגלט. „דו האָסט, זאָג איך צו אים, אַ לעבעדיקע שווינגער; קאָנסט זיך, זאָג איך, גיין וואַשן, און אַז ניט, קאָנסטו, זאָג איך, עסן אומגעוואַשן, איך בין ניט גאָטס סטראַפּטשע, זאָג איך, מיך וועט מען אויף יענער וועלט פאַר דיר ניט שמייסן". אַזוי שמועס איך מיך אויס מיט אים, און איך פיל, אַז ס'ציט מיך עפּעס צו דעם דאָזיקן מענטשל, וואָס — ווייס איך אַליין ניט, נאָר ס'ציט; איך האָב ליב, פאַרשטייט איר, אַ מענטשן, וואָס מ'קאָן מיט אים רעדן אַ וואָרט; אַמאָל אַ פּסוק, אַמאָל אַ מדרש, אַמאָל אַ שטיקל חקירה אין הימל זאַכן, דאָס, יענעס, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אָט אַזאַ מענטש איז טביה.

פון יענער צייט אָן האָט מיין בחור אָנגעהויבן אַריינ-קומען צו מיר כמעט אַלע טאָג. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די „שטונדן", פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוען און אַביסל פאַרברענגען. מאָלט אייך, אַז אָך און וויי איז געווען צו אים מיט זיינע שטונדן אין איינעם, אַז בסך-הכל, דאַרפט איר וויסן, ביי אונדז דער גרעסטער נגיד איז געוואוינט צו צאָלן גאַנצע ח"י גילדוינים, אי דאָס, זאָל דער לערער אים העלפן לייענען דעפּעשן, שרייבן אַדרייסים און טאַקע פאָלגן אַ גאַנג אויך, פאַרוואָס נישט? אַ בפירושער פּסוק: בכל לבבך

ו ב כ ל   נ פ ש ך — עסטו ברויט, דארפסטו וויסן פאר־וואס. א שטיקל גליק כאטש, וואס געגעסן האט ער, איי־גענטלעך, ביי מיר, און דערפאר האט ער אונטערגעשנעלט מיט מיינע טעכטער, ווי זאגט ער: ע י ן   ת ח ת   ע י ן — א פאטש פאר א פאטש; און אט אזוי איז ער געווארן ביי אונדז אין שטוב א גאנצער בן־הבית, די קינדער האבן אים אונטערגעטראגן א גלעזל מילך, און מיין אלטע האט אכטונג געגעבן, ער זאל האבן א העמד אויפן לייב מיט א פאר זאקן גאנצע — און טאקע דעמאלט האבן מיר דאס אים געקרוינט מיטן נאמען „פעפערל", איבערגעמאכט, הייסט דאס, אויף יידיש פון פערטשיק, און מ'קאן זאגן, אז מיר האבן אים אלע ליב געקראגן, עפעס גאר ווי אן אייגענעם, מחמת בטבע איז ער, דארפט איר וויסן, דווקא נישקשה פון א מענטשל, א פשוטער, א פראסטער חי־וקיים הייסט דאס, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס — הפקר ציבעלעס . . .

פאר איין זאך נאר האב איך אים פיינט געהאט: פאר זיין פארפאלן ווערן. פלוצעם פלעגט ער זיך אויפהויבן, אוועקגיין, און   ו ה י ל ד   א י נ נ ו — נישטא פעפערל! „וואו ביסטו געווען, מיין טייערער שפיל־פויגל?" שווייגט ווי א פיש . . . איך וויים נישט, ווי אזוי איר — איך האב פיינט א מענטשן מיט סודות; איך האב ליב, ווי זאגט ער: ו י ד ב ר — גערעדט און   ו י א מ ר — געזאגט. דערפאר האט ער אבער א מעלה: צערעדט ער זיך, איז   מ י   ב א ש   ו מ י   ב מ י ם — פאר פייער און פאר וואסער. א פיסק — ניט גערדאכט זאל ער ווערן! רעדט על ה' ועל משיחו, און אויף „ננתקה" . . . און דער עיקר טאקע — אויף „ננתקה"... מיט פלענער אלץ אזעלכע ווילדע, קרומע, משוגענע געננ, עפעס אלצדינג לאקירדע, פאפעריק, מיט די פיס ארויף. למשל, א נגיד, קומט אוים, גאך זיין משוגענעם, פארקערטן

שכל, איז אָפּגעפּרעגט, און אַ קבצן איז, פאַרקערט, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ באַלמעלאָכע — דער איז גאָר דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל, טייערער פון חרוסת, מחמת יגיע כפּיך, זאָגט ער, דאָס איז דער עיקר. „פונדעסטוועגן, זאָג איך, צו געלט, זאָג איך, קומט דאָס נישט?" ווערט ער מלא כעס און וויל מיר איינדרינגען, אַז געלט איז אַ שחיטה פאַר דער וועלט; פון געלט, זאָגט ער, נעמען זיך אַלע פאַלש־קייטן אויף דער וועלט, און אַלצדינג, זאָגט ער, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט, טוט זיך עס נישט על־פּי יושר. און ער ברענגט מיר צען טויזנט ראיות און משלים, וואָס קלעפּן זיך ביי מיר, ווי אַן ארבעס צו דער וואַנט . . . „קומט אויס, נאָך דיין משוגענעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מיין בהמה מעלקט זיך, און דאָס, וואָס מיין פערדל פאָרט, איז אויך נישט על־פּי יושר?" . . . וכדומה נאָך אַזעלכע קלאָץ־קשיות פרעג איך אים און שטעל אים אָפּ, ווי זאָגט ער, ע ל כ ל ד ב ר י ש י ר ו ת ו ת ש ב ח ו ת — אויף יעדן טריט; ווי טביה קאָן! מיין פעפערל אָבער קאָן אויך, נאָך אַ מין קאָנען! הלוואי וואָלט ער אַזוי נישט קאָנען ווי ער קאָן!

(חאָדל)

נחמיה דער שוסטער און זיין פאמיליע:

נחמיה דער שוסטער איז א שלים-מזל. אזוי רופט אים זיין ווייב זיסל — א קליין שווארץ ווייבעלע מיט קליינע שווארצע ברענענדיקע אייגעלעך, פון פארנט נישט איין צאן. אז מ׳טוט א קוק אויף דעם קליין-דאר-טרוקן ווייבעלע און אויף אירע צוויי בנים, חיים און בעני, צוויי הויכע, געזונטע, געפאקטע כלאפאקעס, ווייל זיך בשום אופן נישט גלויבן, אז דאס איז די מוטער און דאס זענען אירע קינדער. אויך דער פאטער, נחמיה, האט ווינציק ענלעכעם מיט זיין זין. נחמיה איז א קארענאסט יידל, א באוואקסנס מיט א ברייטער ברוסט, מיט ברייטע ביינערדיקע פלייצעס, מיט א ברייט ביינעריק פנים ,מיט א צוגעפלאטשטע נאז, און האט ליב צוויי זאכן: אביסל בראנפן און א סך ריידן. א גאנצן טאג מאכט זיך אים ניט צו דאס מויל. און זאל ער נעמען אביסל בראנפן, אזוי ווערט ער אנטשוויגן, אומעטיק און דערשלאגן.

[ערב פסח]

און זיסל דעם שוסטערס ווייב — — — נעמט זיך צו דער ארבעט, רוימען, קערן, שמירן, וואשן, קראצן; צי ס׳איז דא אויף פסח, צי ס׳איז ניטא אויף פסח — פסחדיק אין שטוב, כשר, ריין, זויבער — דאס מוז זיין, סיי ביים גביר, סיי ביים ארעמאן, און אפילו ביים לעצטן עני-שבעניים מוז זיין פסח גלייך כשר, ריין און זויבער. ביי אלעמען, ביי אלע יידן גלייך, ביי אלע יידן אין איין צייט, ביי אלע יידן איין מצה, ביי אלע יידן ארבע כוסות — פיר, נישט מער און נישט ווינציקער . . . אין דער גלייכהייט ליגט א שטיק סאטיספאק-ציע, א באלוינונג פאר דעם געמיינעם מאן נעבעך, ער זאל זיך ניט מתקנא זיין אן דעם נגיד.

— האט דען איציקל שאסטעפאל אנדערע מצות, ווי

מיר? — אזוי טישעט זיך נחמיה דער שוסטער און באקומט פון זיין סקעפטישער זיסל א יברכך:

— סא משל! האט דאך שוין איציקל שאסטעפאל די מצות אין שאפע, און מיר האבן א קדחת!

— וועלן מיר האבן מצות אויך. זיסל, דאגה ניט, אלע יידן וועלן האבן מצות אויף פסח, קיין חמץ וועט קיינער חלילה נישט עסן!

— שלים-מזל! נו, און אייער? און שמאלץ? און עופות? האסטו פארגעסן?

— עט-נו, למאי א גאנץ יאר האט ער דען נישט די זעלבע אייער און שמאלץ און עופות? — אזוי פרואווט זיך דער שוסטער באקעמפן דעם סקעפטיציזם פון זיין ווייב און ברענגט איר א נייעם ארגומענט:

— צי, א שטייגער, אט וועלן מיר זיך אלע זעצן אין איין צייט צום סדר, אלע וועלן מיר זאגן פון איין הגדה, אלע וועלן מיר דערציילן די זעלביקע ניסים פון דעם זעלביקן מצרים, אלע וועלן מיר טרינקען נאר דריי כוסות, און איציקל שאסטעפאל וועט טרינקען פינף כוסות?

— וואס איך רעכן ווילסטו וויסן? איך רעכן, אז ער האט שוין די ארבע כוסות לאנג אנגעגרייט אין קעלער, און דו האסט זיי דערווייל נאר אין זינען . . .

— וואס ארט מיך, אז אין זינען, נארעלע? וואס איז מיר שלעכט, אז איך טראכט מיר איצט פון אביסל משקה, פון א גוט ביסל וויין, אן אמת בעסאראביער גלעזל וויין, א געשמאקס, א שטארקס, א שטשיפעדיקס? . . .

— וואס זאגט איר אויף דעם שלים-מזל?

די ווערטער זענען געזאגט געווארן שוין צו די קינדער, צו חיימען און צו בעניז, וואס זיצן ביים ווערקשטאט מיט די

האמערס אין די הענט און קלאַפּן פּלעקלעך אין די פּאַדעש-וועס אריין.

— וואָס זאָלן מיר זאָגן? — ענטפערט איר דער עלטע-רער חיים פאר זיי ביידן. — מיר קאָנען נאָר זאָגן, אז דער וואָס האָט נישט וואָס צו עסן האָט פול רעכט צו דענקען וועגן עסן, און נישט נאָר צו דענקען פון דעם אליין, נאָר צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אזוי מאַכט מען, אז אלע זאָלן עסן גלייך . . .

— וועגן דעם האָט אונדז שוין באוואָרנט משה רבינו — זאָגט נחמיה דער שוסטער, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט תורה פון יודל דעם שניידער.

— משה רבינו איז געווען אַ גאַנץ גוטער מענטש — מישט זיך אריין דער קלענערער זון בעני — ער האָט אונדז געשענקט אלעמען גלייך אין ברויט אויף פסח מיט איין הגדה, מיט איינע פיר כוסות! פאר וואָס-זשע האָט ער שוין אין איין וועגס נישט געמאַכט, אז אלע זאָלן טאַקע האָבן די אלע דריי זאַכן? דערוויילע ווייסן מיר, אז מצות און ארבע כוסות האָט איציקל שאַסטעפּאַל, און מיר האָבן נישט מער ווי די הגדה . . .

— זיי האָבן אונדז איינגעטיילט די הגדה, — מאַכט חיים, — בכדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן. און זיי וועלן דערווייל עסן די פּאַלירטשיקעס מיט די כרעמזלעך . . .

— אויסקרענקען זאָלן זיי, רבונו של עולם! — שטעלט אריין דערווייל אַ קללה זיסל.

— פאַרוואָס קומט זיי שעלטן? — פרעגט נחמיה — וואָס זענען זיי, חכמה מיינע, שולדיק אין דעם, וואָס מיר האָבן נים אויף פסח?

— אָט מיט דעם, וואָס זיי האָבן און מיר ניט, זענען זיי שולדיק! . . . — אזוי גיט אים צו פארשטיין זיין וויב

זיסל, ווי א רבי גיט צו פארשטיין דעם תלמיד. — זאָלסט ניט זיין קיין שלים־מזל, וואָלסטו אַליין פארשטאַנען, אז זיי זאָלן האָבן ווינציקער, וואָלטן מיר געהאַט מער, דעמאָלט וואָלטן מיר זיך אַלע אויסגעגלייכט.

— די מאַמע איז א מאַרקסיסטקע! — באַמערקט חיים צו בעניין, און בעני ענטפערט אים:

— מ׳וואָלט זי באַדאַרפט נעמען אמאָל אויף א דיס־קוסיע... מאַמע, וועסט גיין מיט אונדז אויף א דיסקוסיע?

— אין דער ערד אריין וועל איך אייך גיין! איר פאַר־געסט, ס׳איז ערב־פסח, און איך האַלט נאָך גאָר פון פאַרנט!... דער שלים־מזל זאָל זיך עס דערמאָנען, אז א חוץ קאַרטאָפל האָבן מיר נאָך גאָרנישט ניט, נישט קיין ביסל שמאַלץ, נישט קיין אייער, נישט קיין עוף... א קיש־קיש, קיש־קיש!...

דער דאָזיקער „קיש“ געהערט צום האָן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל פאַרבאָרגן אונטערן אויוון און גע־פּיקט די ברעקלעך, און דערהערט פון דער שוסטערין אַזעלכע ווערטער, האָט דאָס אים א פּנים פאַרדראָסן:

— קאַ־קאַ־קאַ־קאַ־קאַ — מיט וואָס בין איך ניט קיין עוף?

— אין דער ערד אַריין, קיש־קיש־קיש־קיש־קיש! שוין צעבראָכן א טעפּל, א כאָלעריע!

— אָ! זעסטו? — מאַכט נחמיה דער שוסטער צום ווייב. — נאָר וואָס האָסטו געזאָגט, אז ס׳איז נישטאָ ביי דיר קיין עוף אויף פסח, און וואָס איז דאָס?

— א גדולה אויף דער באָבע! — ענטפערט אים זיסל.— שיינע זאַכן וועסטו האָבן פון דעם דאָזיקן עוף! דריי פונט ביינער און א האַלב פונט פאַדעשווע, פלייש ווי א גומעלאַס־טיק פון אַן אַלטן קאַלאָש. אפילו קיין פלאַסטערל ניט אויף

אונטערצושמירן די סקאָווראָדע, טאָמער וועט זיך פאַרגלוסטן די קינדער א לאַטקע, א שטיקל צוגעפרישטע מצה . . . זאָלסט אָנקוקן ביי איציקל שאָסטעפּאַל גייען ארום צוויי אינדיקעס, אַן אינדיק מיט אַן אינדיטשקע, ס׳זאָל אים נאָר פאַרשטערט ווערן, רבונו של עולם, גאָט זאָל טון א נס, זיי זאָלן אים טריף ווערן ביידע מיט אמאָל, וואָלט איך מיך מחיה גע־ווען! א שטיק געזונט וואָלט מיר צוגעקומען! . . .

— וואָס וואָלט אָבער דיר ארויסגעקומען דערפון? — פרעגט דער מאַן.

— א מצוה! פאַרוואָס קומט אים, אז זיין טאָכטער, וואָס איז געוואַקסן מיט מיין טאָכטער אין איין הויף, אונ־טער איין דאַך, זאָל זי שטודירן אין די קלאַסן, שפּילן אויף פּאָרטעפּיאַנעס, און אונדזער טאָכטער זאָל זיצן איינגעבויגן אין דרייען איבער דער מאַשין, טאָמער וועט זי קוים פאַר־דינען אויף א קליידל?

— צו וועמען האָסטו טענות? — שלאָגט איר איבער נחמיה און קוקט אויף איר דורך א מאָדנער בריל, וואָס באַ־שטייט פון איין גלעזל און פון איין לעכל.

— נישט צו דיר, שלים-מזל, צו גאָט האָב איך טענות . . .

— נישט צו גאָט, צו מענטשן דאַרפסטו טענהן. — מישט זיך אריין דער עלטערער זון חיים. — גאָט אליין האָט באַשאַפן די וועלט פאַר אַלעמען גלייך, נאָר די מענטשן האָבן זיך מיט איר שלעכט איינגעטיילט . . .

— איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרניט — לייגט צו איר יינגערער בעני.

זיסל פאַרטראַכט זיך, לייגט אַוועק אויף א מינוט די ארבעט, ווישט-אויס די הענט אין פאַרטוך און טוט א פרעג ביי די קינדער גאַנץ ערנסט:

— וואָס-זשע טוט מען דערצו?

— וואָס מ'טוט דערצו? — ציט אוים חיים. — עקס-פראָפריאַציע!

— עקס וואָס? — פרעגט זיסל.

— עקספּראָפּריאַציע, — זאָגט איר בעני.

זיסל וויל נאָכזאָגן דאָס וואָרט און קאָן נישט, טוט זי אַ שפּיי, נעמט זיך צוריק צום בעזעם, און ביידע זין שיסן אוים אַ געלעכטער.

(אין שטורעם)

יידישע ווייבער:

טעמע־ביילע
די באָבע מינדי
„דריי כאַראַקטערן"
ניין מאָס רייד
אָפּגערעדט די לבנה!
חוה דער יידענעס „אומגליק"

טעמע-ביילע :

טעמע-ביילע די נגידית איז דווקא אַ יידענע אַ נידעריקע און אַ גראָבע, זעט אויס ווי אַ מעשן שטייסל, אָדער ווי אַ בייכיק סאַמאָוואַרל מיט אַ קליין שפּיציק טשייניקל אויף דער קאַנפאָרקע. ווי גראָב און קיילכיק זי איז פון אונטן, אַזוי קליין און שפּיציק איז דאָס קעפּל, און שטענדיק זיצט דאָס, דאָס בייכיקע סאַמאָוואַרל, זיצט און זשומעט, אין כעס אויפן מאַן, אין כעס אויף דער דינסט, אין כעס אויף די כתרילעווו-קער ציגן, אין כעס אויף די כתרילעווקער ווייבער, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס סיי דער מאַן, סיי די דינסט, סיי די כתרילעווקער ציגן און ווייבער, סיי די גאַנצע וועלט הערן זי, ווי פּסח דעם קאָטער, אָדער ווי המן דעם גראַגער. דער מאַן האָט צו טאָן שטענדיק מיט קהלשע געשעפטן, מיט נאַטשאַלסטווע; די דינסט טוט איר אויף צו-להכעיס, ברענט-צו די קאַשע, פאַרשרפהט די קאַרטאָפליעס, זידט-איבער די מילך און אויוון; די כתרילעווקער ציגן טוען איר צום טויט, שפּרינגען אויפן דאַך און צופּן איינציקווייז די שטרוי פון דער סטריכע; די כתרילעווקער ווייבער דערגייען איר די יאָרן אין מאַרק ביי די פיש, אין יאַטקע ביים פלייש, אין שול ביי די תחינות און להבדיל אין באָד אפילו . . .

(די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך)

די באָבע מינדי :

די באָבע מינדי — דאָס איז געווען א יידענע א הויכע און א טשעפּקע, אַן אָפּגעפּוצטע און א פרומע מיט סכנת-נפשות ! איר עובדא איז געווען — אכטונג צו געבן אויף די קינדער און אויף זייער יידישקייט : אויסגלעטן די איינקלעך די פאות מיט באשפּייטע פינגער, אָפּרייניקן און אויסגלייכן די מלבושימלעך, זיך צוהערן ווי זיי דאַוונען, בענטשן און לייענען קריאת-שמע פאַרן שלאָפן גיין. דערפאַר האָבן אלע איינקלעך געמוזט קומען צו איר שבת בייטאָג זאָגן דער באָ-בען א גוט-שבת, זיך אויסזעצן, ווי די סטאַטקעס, ביי דער וואַנט און זיצן און וואַרטן, ביז זי וועט געבן „שבת-אויבסט".
געגעבן האָט זי דעם „שבת-אויבסט" עפּעס ניט אזוי ביד-רחבה, נאָר דערפאַר אויף ריינע גלאַנצנדיקע שעלעכלעך : איין עפּעלע, א פערשקע, א באָקסער, א פייג, אָדער דריי-פיר איינגעדאַרטע ראָזשינקעס, און מוסר האָט זי דערביי געזאָגט אָן א שיעור ! דער מוסר איז באשטאַנען אין דעם, אז מ'באַ-דאַרף פאָלגן טאַטע-מאַמע און גוטע פרומע לייט, און אז מ'באַדאַרף זיין יידן, און אז גאָט וועט שטראָפן פאַר איט-לעכם ברעקעלע — פאַר ניט דאַוונען, פאַר ניט פאָלגן, פאַר ניט לערנען, פאַר שטיפן, און אפילו פאַר א שלעכטע מחשבה, און אפילו פאַר א פלעק אויף דער קאַפּאָטע, — אזוי, אז ס'איז כמעט נישט איינגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פערשקע, דער באָקסער, די פייג, אָדער די דריי-פיר איינגעדאַרטע ראָ-זשינקעס.

(פונעם יאַריד)

אַלע דריי שכנהטעס זענען געווען אַלמנות. דאָס הייסט, צוויי זענען געווען אַלמנות און איינע אַ גרושה. קיין קינדער האָבן זיי אויך ניט געהאַט. דאָס הייסט, זיי האָבן געהאַט קינדער, נאָר נישט ביי זיך; אין דער פרעמד זענען זיי געווען. צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. — — זייער מזל, אָדער זייער שלים-מזל, האָט צונויפגעטריבן די דאָזיקע דריי ווייבער אין איין שטוב, ביי בתיה די רופאטע, וואָס איז געווען די באַלעבאָסטע און זי איז געווען צווישן זיי די נגידית. — — —

צווישן די דריי הונדערט זעכציק טעג, וואָס ס׳איז פאַראַן אין יאָר, האָבן זיך אונדזערע ווייבער אַמאָל דריי הונדערט געקריגט; נאָר כ׳ווייס ניט, וואָס ווערט ביי אייך אָנגערופן געקריגט? מ׳האָט חלילה איינס ביי דאָס אַנדערע ניט צוגענומען גאָרניט, חלילה נישט באַליידיקט, ניט אָנגערירט דעם כבוד, נאָר דריי כאַראַקטערן קענען זיך ניט אויסגלייכן. למשל, פעסי די שמשטע האָט ליב פאַרשאַרן דאָס גאַנצע פייער אין אויוון און פאַרשטעלן מיט דער זאַסלינקע. וואָס קומט איר דערפאַר? האָט אָבער סאָסי די טענדלערקע אַ טבע צו שטעלן אַלע אין דער פרי אַ קריגל ציקאָריע אויפן פּריפּעטשיק. איז, דאַכט זיך מיר, אויך ניט קיין עוולה; זי וועט דאָך ניט קריכן מיט איר קריגל ציקאָריע צווישן די פּליישיקע טעפּלעך! זאָגט אָבער פעסי די שמשטע, אַז ס׳איז ניט כדאי, אַז איבער אַ קריגל ציקאָריע זאָל כפּרה ווערן די חלה אין אויוון. זאָגט סאָסי די טענדלערקע: „זאָלן אירע שונאים זיין די כפּרה!“ זאָגט איר פעסי די שמשטע, אַז זי האָט, אפּנים, היפּשלעך שונאים? זאָגט סאָסי די טענדלערקע:

„גיט צו פאַרזינדיקן, איך האָב זיי געַנוג, מ׳זאָל זיי גערעכט זייען און זיי זאָלן שיטער אויפגיין“.

— זאָגט איר פּעסי די שמשטע:

„פון ווען אָן זענט איר דאָס געוואָרן אַזוי באַרעדעוו-דיק?“

זאָגט איר סאָסי די טענדלערקע:

„פון זינט כ׳האָב זיך באַזעצט אינעם דאָזיקן ווים-טעניש“.

רופט זיך אָן בתיה די רופאטע, די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, וואָס שטייט בשעת מעשה ביי דער זייט, פאַרלייגט די פאַטשיילע הינטער די אויערן, מיט אַ קאַטשעלקע אין די הענט, און קאַטשעט אַ בלאַט לאָקשן אויף שבת:

„כ׳ווייס ניט וואָס איז אייך דאָ אַזוי וויסט? די סך דירה-געלטן, וואָס איר צאָלט זיך אָן?“

זאָגט צו איר סאָסי די טענדלערקע:

„גוט איז אייך, אַז איר זענט אַ נגידיתטע און האָט, קיין עין-הרע, אַ סך געלט!“

זאָגט צו איר בתיה די רופאטע:

„וואָס גייט אָן, צי אַ סך, צי ניט קיין סך? ביי אייך האָב איך ניט צוגענומען גאָרניט?“

זאָגט צו איר סאָסי די טענדלערקע:

„וואָס האָט איר ביי מיר צו נעמען? דעם דלות? נעמט אייך אים!“

זאָגט איר בתיה די רופאטע:

„האַלט זיך מיט אים געזונטערהייט!“ . . .

רופט זיך אָפּ פּעסי די שמשטע:

„פון דלות איז קיינער ניט באַוואָרנט! מ׳האָט שוין גע-זען פיינע בריהס מיט אייגענע הייזער ליגן פונדעסטוועגן גוט אין דער ערד!“ . . .

„און באַקן בייגל" . . . — העלפט איר אונטער סאַסי די טענדלערקע.

ווערט בתיה די רופאטע אין כעס און פאַלט אָן אויף סאַסי דער טענדלערקע. שטעלט זיך איין פאַר איר פעסי די שמשטע, ווערט אַ געדודער צווישן אַלע דריי ווייבער, אַ מיש־מאַש, אַ צונויפגיסעניש פון ווערטער, רייד און משלים:

„געזען אַ ביסל אַ מליץ־יושרטע!"

„געפעלט אייך אַ השגה פון אַ יידענע!"

„געפעלט אייך ניט, ווערט איר מיט מיר קיין שידוך ניט טון" . . .

„מ'זוכט אַ שער, רופט זיך אָפּ דאָס אויבערשטע פון שטייסל!" . . .

„אַ משל קאַבאַק!" . . .

„אויך מיר אַ נגידיתטע — איבער אַ קאַטשערע מיט אַ לאַפּעטע" . . .

„לאָז זיין שטיל, פּיסקאַטע, ווּאָרעם ס'קען פליען אַ קאַטשערע אין קאָפּ אריין" . . .

„איך וויים ניט ווּעמען, איר זענט בילכער" . . .

„נאַ זשע דיר טאַקע!" . . .

„נאַ דיר!"

„נאַט אייך ביידע!" . . .

איר מיינט, וואָס איז דאָס געווען? פעטש? חס וחלילה! — פייגן, פייגן פון צוויי צונויפגעדרייטע פינגער, אינמיטן אַ דריטער, און גלייך אין נאָז אריין.

(דער יינגסטער פון די מלכים)

— גוט שבת — זאָגט די מומע יענטע — כ׳האָב גע-וואוסט, אַז ס׳איז ביי אייך דאָ פרישע סעמעטשקעס; דער חיסרון, וואָס ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו קנאַקן, נישט מער זאָל מיין שלים-מזל לעבן, וויפיל כ׳האָב ציין אין מויל . . . ווי געפעלט דיר, מלכה, די היינטיקע פיש, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן ביי זיי? כ׳פרעג אים, מנשה דעם פיליער, וואָס אַזאַ יקרות אויף אייך? — שפרינגט אונטער שרה-פערל די נגידית: „גיט מיר גיכער, גיט מיר, וועגט מיר אָפּ דאָס העכטל!“ „וואָס אַזאַ היץ אויף אייך, זאָג איך, גאָט איז מיט אייך, דער טייך ברענט ניט, און מנשה וועט די פיש נישט צוריק פירן; ביי די נגידים זאָג איך, איז, אַפּנים, געלט וואָלוול און שכל טייער?“ . . . גייט זי דאָך מסתמא און עפנט אויף מיר אַ מויל: „קבצנים, זאָגט זי, האָבן דאָ נישט וואָס צו טון . . . אַן אָרעמאַן, זאָגט זי, טאָר זיך נישט גלוסטן“ . . . וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ הולטייקע? לאַנג איז זי געשטאַנען מיידלווייז מיט איר מאַמע אין מאַרק ביים טישל און פאַרקויפט סטיינגעלעך? . . . פּונקט אַזוי ווי פּעסל-פּייסי-אברהמס נעמט זיך איבער מיט איר טאָכטער, וואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גביר פון סטרישטש, זי נענומען ווי זי שטייט און גייט . . . יידישע גליקן — מ׳זאָגט, זי ווערט פאַרשוואַרצט, קיין עין-הרע, אויף אירע יאָר און טעג, קען נישט הויזן מיט די קינדער . . . וואָס-זשע, ס׳איז גוט צו זיין אַ שטיפמאַמע? מ׳זאָל גאָר באַהיט ווערן! אָט נעמט חוהלע — דאַכט זיך, וואָס האָט מען צו איר? זאָלט איר זען, וואָס זי האָט פון שטיפקינדער! טאָג ווי נאַכט הערט מען קולות, מ׳שטעלט זיך פייגן, פּיטש-פּאַטש, דריי שלייערס אַ גראָשן . . . (דער זייגער)

אָפּגעוואָרט די לבנה ! :

שרה-חנצי : וואָס איז דען מיט חיים-מאיר ליפּאָ-חזקאלס איידעם ?

רביצין : (פאַרגלאָצט די אויגן, שפּייט אויס און טוט זיך א וויש דאָס מויל) ס'זאָל מיר נאָר נישט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין לשון-הרע חלילה. שוין זינט חיים-מאיר ליפּאָ-חזקאלס האָט געבראַכט דעם איידעם, האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן קליינע קינדער, ניט היינט געדאַכט, אַזוי ווי שטרוי, גאָט זאָל זיך דערבאַרימען, ברוך הוא וברוך שמו !

שרה-חנצי : (שמועצערט מיט די ליפּן, שאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער) וואָס רעדט איר, אוי, פּרומעניו, נשמהניו ? וואָס זשע איז מיט אים אַזעלכעס, למשל ? וואָס האָט ער געטאָן, דער ימח-שמוניק, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן ?

רביצין : וואָס האָט ער געטאָן, פרעגט איר ? פרעגט בעסער, וואָס האָט ער נ י ט געטאָן ? א קלייניקייט — יענער האָט אָפּגערעדט די לבנה !

שרה-חנצי : פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן ! וואָס הייסט ער האָט אָפּגערעדט די לבנה ?

רביצין : ווייסט אים דער גוטער יאָר ! מיט אַזא כישוף, צי וואָס ! זינט ער האָט אים געבראַכט צו פירן, איז ניט געווען איין לבנה.

שרה-חנצי : אַז פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן ! וואו איז אהינגעקומען די לבנה ?

רביצין : איך ווייס וואו זי איז אהינגעקומען ? וואָס ווייס אַן אשה ? איך ווייס נאָר, דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין לבנה מחדש צו זיין ; ביז חיים-מאיר ליפּאָ-חזקאלס האָט נישט אָפּגעגט דעם איידעם, איז

נישט געווען קיין לבנה. און אז מ׳האָט אים אָפּגעגט, האָט גאָט, ברוך הוא וברוך שמו, אַ נס געטאָן, ס׳איז שוין ווידער דאָ אַלע חודש אַ לבנה . . .

(דער גט)

חווה דער יידענעס „אומגליק״:

גאָט האָט מיך געבענשט מיט אַן אומגליק. אַזוי אַ קוק טון אויף דער מצבה, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פיינער בחור, אַ הויכער, אַ גלאַטער, אַ לעבעדיקער, און רעדט מיט אים — דאַכט זיך נישט קיין נאַר אויך, און אַ שטילער, אַ סטאַטעטש-נער בחור, און אַן ארבעט-יונג, גאָלדענע הענט! ער איז אַ זייגער-מאַכער; זיין באַלעבאָס, יאָסי דער זייגערמאַכער, קען זיך פון אים גאָרנישט אָפּלויבן. אַז מ׳שמועסט, אַ געראָ-טענער! איז אָבער דער שוואַרץ-יאָר זאָל אים וויסן — זינט ער האָט זיך „זגיוכעט״ מיטן שוסטערס בנימלעך, פאַרכאַפּט זאָלן זיי אייך ווערן, איז דאָס קינד געוואָרן אַן אַנדער קינד! ערשטנס, וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו גלאַט מיט אַ שוסטערס אַ ייִנגל? דיין טאַטע איז ניט געווען קיין שוסטער, און דער זיידע דיינער אויך ניט . . . וואָלט דאָס נאָך ניט געווען אַזאַ אומגליק, ווען ער זאָל ניט לייענען קיין ביכלעך פון עקס-פּראָ . . . — טפו! כ׳האָב פאַרגעסן, ווי ס׳הייסט! — און ער זאָל ניט מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, דאַרן דעם קאָפּ פאַר יענעמס ארבעטער. וואָס גייט דיר אָן, צי יענעמס אַר-בעטער וועלן אַרבעטן צוועלף שעה, צי פערצן, צי אַכצן שעה? פון מיינעטוועגן מעגן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט מיט די באַלעבאַטים אין איינעם אפילו זעקס-און-צוואַנציק שעה אין מעת-לעת . . .

(אין שטורעם)

יידישע קינדער:

באַגראָבן אַ פייגעלע

אוי, אַ פידעלע!

געכאַפּט פיש

נח שניצלער

געכאַפּט אַ גנב

קאָפּל קוקאריקו

מיר איז גוט — כ'בין אַ יתום

באַגראָבן אַ פייגעלע:

איינמאָל אין אַ פרייטיק, זומער איז דאָס געווען, זענען מיר געגאַנגען פון חדר אהיים עטלעכע יינגלעך מיטאַמאָל. געגאַנגען זענען מיר גיך, כמעט געלאָפן, וואָרעם, ערשטנס, האָט מען אונדז געלאָזט פריי אויף שבת אהיים, און, צווייטנס, זענען מיר געווען הונגעריק און אויף אונדז האָט געוואַרט אַ היים ראָסל־פלייש מיט פרישער שמעקנדיקער חלה.

פלוצעם האָט איינער פון אונדזער חברה אויסגעשריגן אויף אַ קול: „אוי, אַ פייגעלע!" — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײלעכן, איז געזעסן אויף דער ערד, מיטן קע־פעלע אַרויף, אַ קליין יונג פייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פיסקעלע. דאָס פייגעלע האָט נעבעך געציטערט, צעלאָזט די פעדערלעך, געטרייסלט זיך, געפלאַטערט, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלעמאָל דאָס געלע פיסקעלע, ווי אַ קליין קינד בשעת עס וויל עסן, און אַרויסגעלאָזט אויף אַ הייזעריק קולכל: „פּי!" . . . און ס׳האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי אונדז אַ געפיל פון רחמנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פייגעלע? דער האָט געזאָגט: מ׳באַדאַרף דאָס לאָזן זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס „מאַמע" וועט קומען. דער האָט געגעבן אַן עצה, מ׳זאָל דאָס געבן אַ וואָרף אין דער הויך, וועט דאָס אַוועקפליען. און דער האָט געדרונ־

גען, אז מ׳באדארף דאָס נעמען אהיים. נאָר אז ס׳איז אַ רחמנות, אַ „צער בעלי־חיים" — דאָס האָבן אַלע מודה געווען.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אהיים, פארגעסן, אז מיר זענען הונגעריק, גענומען דאָס האָדעווען, דעם גע־געבן וואסער אין פּיסקל אריין — דאָס פייגעלע האָט אזוי לאַנג געציטערט, געפינטלט מיט די אייגעלעך, געטרייסלט זיך און געפלאָטערט ביי אונדז אין די הענט, ביז ס׳האָט פארוואָרפן דאָס קעפּל אויף אַ זייט, די אייגעלעך פארגלאָצט און . . . ס׳איז געווען טויט. — — —

אין אַ האַלבער שעה ארום האָבן מיר דאָס פייגעלע מיט גרויס כבוד מלווה געווען, אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, איינגעוויקלט דאָס פייגעלע אין תכריכים (אין אַ ווייסער קרייקע פון אַ נאָזטיכל), מקבר געווען דאָס און גע־שטעלט דערויף אַ צאָם — אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט:

ד אָ ל י ג ט ד אָ ס ק ל י י נ ע פ י י ג ע ל ע צ פּ ו ר ב ן ב ל ק.

און געחתמעט אַלע נעמען פון די, וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין דער קבורה: — ב ע ר ל, י אָ ס ל, ד ו ד, מ אָ ט ל, ק ל מ ן, ג ע צ ל . . .

(באשעפעניש)

אוי, אַ פידעלע!:

פון זינט איך בין צו מיין שׂכל געקומען, בין איך אויס־געגאַנגען נאָך אַ פידל און האָב ליב געהאַט כלי־זמר, ווי דאָס לעבן! איז געווען ערגעץ אַ חתונה אין שטעטל, בין איך גע־ווען דער ערשטער, וואָס איז געלאָפן מקבל־פּנים זיין די כלי־זמר, זיך פארגנבענען פון הינטן צום קאָנטרבאַס, אַ צי טון

ביי דער גראָבער סטרונע: בום! — און אַנטלויפן. בום! — און אַנטלויפן. פאַר דעם דאָזיקן „בום" האָב איך אַמאָל גע־כאַפּט פון בערל באַס אַ מיאוסן פּסק. בערל באַס, אַ בייזער ייִד מיט אַ צעפּלאַטשטער נאָז און מיט אַ שאַרפן קוק, האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט ניט, אַז איך גנבע זיך צום קאָנטער־באַס, און בשעת כ'האָב אויסגעצויגן די האַנט צו דער גראָ־בער סטרונע, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אויער און אָפּגע־פירט מיך מיט כבוד גלייך צו דער טיר. — — —

דאָס האָט מיך אָבער ווינציק־וואָס אָנגעלערנט. איך האָב נישט אָפּגעטראָטן פון די כלי־זמר אויף קיין האָר. איך האָב זיי ליב געהאַט אַלע, פון שייקע פידלער מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד און מיט די דינע ווייסע פינגערלעך, ביז נעצי פּייקלער מיטן שיינעם האָרב און מיטן היפּשן — כ'בעט איך איבער אייער כבוד — פליך איבער די אויערן. נישט איינמאָל בין איך געלעגן אונטער אַ באַנק און געהערט, ווי די כלי־זמר שפּילן, וואָרעם מ'האָט מיך געטריבן אַהיים, און פון דאָרטן, פון אונטער דער באַנק, געקוקט אויף שייקעס דינע פינגערלעך, ווי זיי טאַנצן איבער די סטרונעס, און זיך צוגע־הערט צו די זיסע קולות, וואָס ער האָט אַזוי קונציק אַרויס־באַקומען פון זיין פידעלע.

אַ צעקאָכטער פלעג איך נאָכדעם אַרומגיין עטלעכע טעג כסדר, און שייקע מיטן פידעלע איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. ביינאַכט האָב איך אים געזען אין חלום, און בייטאָג אויף דער וואָר, — ער איז מיר נישט אַרויס פונעם קאָפּ. איך פלעג מיר פאָרשטעלן, אַז איך בין שייקע פידלער, אוים־בויגן די לינקע האַנט און מאַכן מיט די פינגער און געבן אַ פיר מיט דער רעכטער האַנט, ווי מיטן סמיק, בשעת מעשה פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אויף אַ זייט, די אויגן אַביסעלע צוגע־מאַכט — פונקט ווי שייקע, ס'זאָל דאָס פעלן אַ האָר!

האָט דערזען דער רבי נטע-לייב — ס׳איז געווען סאַמע ביים לערנען — אַז איך מאַך עפּעס מיט די הענט און פאַר-וואַרף דאָס קעפּל און גלאָנץ מיט די אייגלעך, האָט ער מיר אָפּגעשטעקט אַ רעכטן פּאַטש:

— אַ הולטיי קאָן! מ׳לערנט מיט אים קמץ-אלף, מאַכט ער העוויות, כאַפּט פליגן!

(אויפן פידל)

געכאַפּטע פיש:

דרויסן איז זומער. דער הימל איז אויסגעצוואָגן, ריין, לויטער, ווי אַ שפּיגל. קיין שפּרענקעלע, קיין ווינטעלע. די זון שמייכלט, די זון בראָט, די זון באַקט. מיר לאָזן זיך גיין אַלע אין איינעם צום טייך באָדן זיך, כאַפּן פישלעך. — — —

אַלע אויסגעטאָן, אדם-נאַקעט, אויסגעבאָדן זיך, אַרויס פון טייך, אויסגעקאַטשעט זיך אין בלאָטע, ווי די חזירים, און ווידער אַמאָל זיך אָפּגעבאָדן, לאַנג געבאָדן זיך, געוואָרן בלוי, ווי מילצן, אָנגעהויבן ציטערן, קלאַפּן מיט די ציין, — ליגן מיר שוין אויסגעצויגן אויפן אָנגעגליטן זאַמד, קעגן דער הייסער ברענענדיקער זון, קעגן דער בלויער יאַרמעלקע פונעם הויכן הימל. נאָר צוויי פון אונדזער חבריא, חיים דער גרוי-סער און חיים דער קליינער, זענען נאָך אין וואַסער. זיי האָבן קונציק צונויפגעבונדן צוויי העמדלעך אין איינעם פאַר די אַרבל, געמאַכט אַ נעץ, און זיי כאַפּן פישלעך. דאָס הייסט, ס׳זאָל זיין פישלעך, וואָלטן זיי געכאַפּט; דער חסרון איז, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין פישלעך. דאָס הייסט, פישלעך זענען פאַראַן, נאָר צו חיים דעם גרויסן און צו חיים דעם קליינעם אין דער נעץ אַריין ווילן זיי ניט גיין. זיי האָבן קיין חשק ניט.

— טיפער, חיים, טיפער! בויג זיך, חיים, בויג זיך!

צום ברעג, חיים, צום ברעג, נאָר פּאַוואָלינקע די פישלעך!

אזוי קאָמאַנדעוועט חיים דער גרויסער מיט חיים דעם קליינעם, אוןביידע פישכאַפּערס גייען אַנגעבויגן ביזן האַלדז אין וואַסער, שלעפּן פּאַוואָלינקע די נעץ אַרויס צום ברעג, קוקן — קוקן אין העמד אַריין — ניטאָ קיין פישלעך!

— לאָזט אונדז, מיך מיט מאָטלען, מיר וועלן גיכער כאַפּן! — אזוי זאָגט מאָטל דער רויטער און שפּרינגט אַריין מיט מאָטל דעם שוואַרצן אין וואַסער אַריין, און די נייע צוויי פישכאַפּערס אַרבעטן ניט שלעכט, גייען געשמאַק, טריט ביי טריט, רעכט אַנגעבויגן, כמעט מע פּויזשעט אויפן אָפּ-גרונט פונעם טייך.

און דער טייך פינקלט, ווינט זיך, שפּיגלט-אָפּ אין זיך די בלויע יאַרמעלקע פונעם הויכן הימל, וואָס ציטערט אין וואַסער, טרייסלט זיך אַהין און אַהער. דרויסן איז שטיל. מ'זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש, מ'הערט נישט קיין פּיפּס, דוד-לייב דער וואַסערפירער איז געקומען מיטן פעסל, אַנגע-פילט דאָס פעסל, אַנגעטרונקען דאָס פערדל, און אליין זיך אָפּגעשוואַשן דאָס רויטע שיינע פּנים מיט דער קאַלטענוואַ-טער באָרד און אָפּגעווישט מיט דער פאַרשמאָלצעוועטער פּאָלע — און אַוועק אין שטאָט אַריין. די צוויי-דריי וועשע-רינס, וואָס זענען געשטאַנען ביים טייך, וואָס האָבן ביז אַהער געפּאַטשט מיט די ברעטלעך איבערן נאַסן גרעט, האָבן צו-נויפגענומען דאָס וועש אויף די פּלייצעס און אַוועק אין שטאָט אַריין.

ס'איז שטיל און רואיק.

שטיל דאָס וואַסער, שטיל דער הימל, שטיל אַלצדינג אַרום און אַרום. אפילו די זשאַבעס, וואָס האָבן זיך ביז אַהער געלאָזט הערן מיט זייער „קעררר-קעררר" און מיט זייער „בול-בול-בול", זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. נאָך אַ מינוט —

און אלצדינג ווערט פארשטארבן. ס׳שליסן זיך די אויגן, ס׳גלוסט זיך, אוי גלוסט זיך, ליגן מיטן נאסן לייב אויפן הייסן טרוקענעם זאמד, ליגן, האלב-צוגעמאכט די אויגן, און קוקן און טראכטן און דרימלען . . .

פלוצעם הערט זיך א קול:

— געכאפט! געכאפט!

דאס קול איז געווען מיט אזא שמחה, פונקט ווי דאס קול פון יענע, וואס זענען געפארן מיט קאלומבוסן אויפן שיף, בשעת זיי האבן דערזען אמעריקע. אלע טוען מיר זיך א ווארף און א לאז ארא-בארג צום ברעג, צו די נייע צוויי פישכאפערס, קוקן אריין אין דער נעץ אריין און דערזען:

— ס׳ווארפט זיך אן ארבל פון דעם העמד.

— פיש! פיש! דגים! פיש! — זינגען מיר אלע און טאנצן אונטער. און אזוי ווי מיר זינגען און טאנצן — אז ס׳שפרינגט ניט ארויס פון דער נעץ, גלייך אויף אונדז א גרויסע, א גרויע, א מיאוסע, א פאסקודנע זשאבע מיט צוויי נארישע וואסערדיקע אויגן! און מיר לאזן זיך אלע לויפן הענדום-פענדום ארויף-בארג, איבערן אנגעגליטן זאמד, מיט א קוויטשעריי:

— גוואלד, יידן, שמע ישראל, ראטעוועט!!!

(באשעפעניש)

נח שניצלער:

נאָך אַז נח איז געווען אַ קינד, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעקיילטער, אַ צעביילטער פונעם פאַטערס קלעפּ און פון דער מוטערס שטשיפּאַלקעס: „אַ יינגעלע זאָל דיר האָבן אַ טבע, טאָג ווי נאַכט, אַרומגיין און שניידן און בראָקן און שניצלען און שניצלען און שניצלען!" . . .

בכדי אַרויסצושלאָגן פונעם קינד דאָס משוגעת פון „שניצלען", האָט מען אים אָפּגעגעבן אין חדר אַריין און אָנגעזאָגט דעם רבין הונדערט מאָל, ער זאָל אים איבערברעכן די הענט, טאָמער וועט מען אים זען האַלטן אַ מעסערל! זאָל ער בעסער זען וואָס מער לערנען! דעם רבינס לערנען האָט אָבער נישט געהאָלפן גאָרנישט: נח איז אַרויס פון חדר מיט זייער ווינציק תורה. דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן זעלטענע בריהשאַפט צום שניצן. און געשניצט האָט ער אַלצדינג, וואָס ס'איז אים געקומען פאַר די אויגן. ס'האָבן זיך געפונען מבינים אין כתרילעווקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ביי דעם בחורל אין די הענט זיצט אַ רוח, ניט אַנדערש; ווען ער זאָל זיין אין אַ גרויסער שטאָט, וואָלט פון אים אַרויס... זיי ווייסן אַליין נישט, וואָס פון אים וואָלט אַרויס. דערווייל מעגן אים אָפּדאַרן די הענטלעך, וואָרעם ער האָט צעשניצט אַלע בענק מיט אַלע שטענדערס, וואָס אין בית-מדרש, אויסגעשניצט אויף זיי מענטשעלעך מיט פייגעלעך, מיט, להבדיל, חזירים . . . פאַר די חזירים האָט נח באַקומען אַ רעכטע פּאַרציע פון טאַטן, פון דער מאַמען, פונעם רב און פונעם שמש און פונעם בעדער — ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט אים אַריינגעלייגט, וויפיל ס'איז אין אים אַריין:

— אַ יונגאַטש קאָן! אין אַ מקום-קדוש חזירים! . . .

(די גאָלדשפּינערס)

— „וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער" — האַלט מיך דער רבי פֿיר און ווייזט מיר אָן מיטן פֿינגער אויף מיין חבר „בערל דעם רויטנס", וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — „זעסטו, ווייסער־חברהניק? זאָלסטו וויסן זיין, אַז פֿון היינטיקן טאָג אָן און ווייטער איז שוין זיין נאָמען ניט „בערל דעם רויטנס", ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען; אַצינד הייסט ער: בערעלע דער גנבֿ! — שרייט זשע קינדער: בערעלע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ!"

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רבי מיט אַ ניגון, און אַלע תּלמידים כאַפּן אים אונטער, ווי די משוררים:

— „ב ע ר ע ל ע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ!" — — —

און איך מיטן גאַנצן כאָר זינגען אויף אַלערליי קולות: „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נ־בֿ!" . . .

„ש־ש־ש־ש־אַ־אַ־אַ־אַ־אַ! — שרייט אויס פּלוצעם דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש — שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום „משפּט". (מיט אַ ניגון): אַנו, בערעלע גנבֿ, קום נאָר אַהער, מיין קינד, גיכער זשע, גיכער אביסעלע! זאָג נאָר, יינגעלע, ווי אַזוי רופֿט מען דיך?"

— „בערל!"

— „ווי אַזוי נאָך?" (מיט אַ ניגון).

— „בערל... בערל... דער... גנבֿ!"

— „אָט אַזוי, מיין ליב קינד, אָט אַזוי ביסטו אַ וואויל יינגעלע. (מיט אַ ניגון). אַצינד בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זיין און שטאַרק אויף אַלע איברים, נעם, זיי מוחל, בערעלע,

און צי פון זיך אראָפּ די מלבושימלעך, אַט אזוי! נו-שוין, און גיכער שוין! איך בעט ביי דיר, נו-שוין, און גיכער שוין— אַט אזוי, בערעשי, מיין טייערער!"

בערל בלייבט שטיין נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים גע-האַט, קיין טראָפּן בלוט איז אין אים ניטאָ, ער רירט ניט מיט קיין איבר. די אויגן אַראָפּ. אַ געשטאַרבענער, אַ טויטער!...

דער רבי רופט אַרויס איינעם פון די גרעסטע תלמידים, אַלץ מיט אַ ניגון:

— „אַנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פונעם טיש, אַהער, צו מיר, געשווינדער, אַט אזוי; און דערצייל אונדז אָקערשט די מעשה פון אָנהויב ביזן סוף, ווי אזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן אַ גנב. הערט, חברה, מיט קאָפּ!"

און „הערשל דער גרויסער" הויבט אָן צו דערציילן אַ מעשה, ווי אזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו רב מאיר-בעל-נס-פּושקע, וואָס זיין מאַמע וואַרפט אַהין אַלע פרייטיק פאַר ליכט-בענטשן אַ קאָפּיקע, און אַמאָל צוויי; ווי אזוי בערל האָט זיך דאַביוועט צו דער דאָזיקער צדקה-פּושקע, אויף וועלכער ס׳הענגט אַ שלעסעלע; ווי אזוי בערל האָט מיט אַ שטרויעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַלע קאָ-פּיקעס איינציקווייז ביז לעצט; ווי אזוי די מאַמע זיינע, „זלאַטע די הייזעריקע", האָט זיך געכאַפּט, געעפנט די דאָזיקע צדקה-פּושקע, דאָרט איז געלעגן אַ שטרוי, איינגעטונקען אין סמאָלע; ווי אזוי זלאַטע די הייזעריקע האָט אים „צוגע-שטעלט אַ בענקעלע"; ווי אזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבינס שמיץ מודה געווען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קיילעכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פון דער צדקה-פּושקע די קאָפּיקעס, ווי אזוי ער האָט זיך יעדן זונטיק געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער! ווי אזוי... און אזוי ווייטער און ווייטער.

— „אצינד, קינדער, משפט אים! איר ווייסט שוין, ווי אזוי. דאָס איז שוין ביי אייך ניט דאָס ערשטע מאָל, לאָז יעדער זאָגן זיין משפט, וואָס קומט א גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדקה-פּושקע. הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אזא גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט א שטרוי פון א צדקה-פּושקע?"

דער רבי בויגט איין דעם קאָפּ אויף א זייט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפערט הויך, אויף א קול:

— „א גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א פּושקע, קומט... מ'זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט זאָל גיין."

— „משהלע, וואָס קומט א גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדקה-פּושקע?"

— „א גנב, — זאָגט משהלע מיט א וויינענדיקן קול, — א גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדקה-פּושקע, קומט, מ'זאָל אים אנידערלייגן, צוויי אויפן קאָפּ, צוויי אויף די פיס, און צוויי זאָלן אים שמייסן מיט איינגעזאַלצענע ריטער"...

— „טאָפּעלע טוטאריטו! וואָס קומט א גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדקה-פּושקע?"

קאָפּל סוקאַריקו, א ייִנגל, וואָס קען ניט אויסריידן קיין קוף און קיין גימל, ווישט אוים זיין נעזל און זינגט זיין משפט מיט א קוויטש:

— „א דנב, וואָס שלעפּט טאָפּיטעס פון א פּושטע, טומט אים, אז אלע ייִנדלעך זאָלן צודייען צו אים נאָענט און זאָדן אים דלייך אין פּנים דריי מאָל אויף א טול: דנב! דנב! דנב!"

אין חדר ווערט א געלעכטער.

(דאָס מעסערל)

איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכן קיינמאָל נישט געגעסן! בין גערן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ-ברויט צו זאַט, מחמת מיר זענען געווען, נישט פאַר אייך גע-דאַכט, ביטערע אָרעמעלייט, אביונים, כאָטש אַלע האָבן ביי אונדז געהאָרעוועט: דער טאַטע, עליו השלום, איז געווען אונטער-שמש אינעם אונטערשטן קלייזל פון דער קצבישער קלויז, די מאַמע, עליה השלום, איז געווען אַ בריה אויף באַקן קאָרענעם לעקעך און די שוועסטער האָבן אונטערגעאַרבעט זאָקן.

איר מעגט מיר גלויבן בנאמנות, אַז איך האָב נישט גע-וואוסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָכאַמאָל.

היינט ווער שמועסט האָבן ביי זיך אין קעשענע אַ קאָ-פּיקע, אַן אייגענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אפילו ניט געחלומט.

און שטעלט אייך פאָר, אַז איך, קאָפּל קוקאַריקו, ווער מיטאַמאָל אַ גביר און באַקום מיין אייגנס צוויי-און-צוואַנציק קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איר אַ נס — אַ פּריץ האָט פאַרלאָרן און איך האָב געפונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן. אָדער טאָמער רעכנט איר, אַז איך האָב זיי גלאַט אַזוי ערגעץ דער-טאַפּט, אַרויסגעגנבעט חלילה פון אַ פּושקע? גאָט זאָל אייך היטן פון אַזאַ מחשבה! איך האָב זיי, שווער איך אייך, פאַר-דינט, כשר פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע... פּיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגן דעם שלח-מנות צווישן די באַלעבאַטים

פונעם אונטערשטן קלייזל פון דער קצבישער קלויז. פריער פלעגט צעטראָגן דעם שלח-מנות אײנע פון מײנע עלטערע שוועסטער, און איצט, אז איך בין שוין אביסל אונטערגע-וואקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זיין אַ שטיקל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלעכל מיטן פלעדל, ארומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים פונעם אונטערשטן קלייזל פון דער קצבישער קלויז, געקנעטן מיט די באָרוויסע פיס די קאַלטע גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מ׳האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

באַקומען מיטאַמאָל אַזאַ אוצר, גיי איך אַרום און איך טראַכט, וואָס טוט מען מיט, קיין עין-הרע, אַזוי פיל געלט?

קומען צו גיין צו מיר דער **יצר-הרע** מיטן **יצר-טוב** און מוטשען מיך. דער יצר-הרע זאָגט:

— וואָס וועסטו זיך האַלטן מיט די גראָשנס, נאַר איי-נער? קויף דיר עפּעס: קויף מאַנדלעך, פאַראַן זיסע ביי **פיה אַנדיטששקין** אויפן שטעלכל; קויף פלעדלעך גוטע מיט האָניק-פאַרפל, אָדער כאָטש אַן עפּל אַ געפרוירע-נעם, וועסטו זיך מחיה זיין.

— נאָכגעגעבן די קישקע? — זאָג איך — וועל איך אויפעסן אין איין טאָג דאָס גאַנצע געלט. איך וויל ניט!

— גערעכט! — זאָגט דער יצר-טוב. — אַ סך גלייכער שוין פאַרלייען דער מאַמען די עטלעכע קאָפּיקעס! איר וועט דאָס צונויץ קומען.

— אַ חכם! — זאָג איך. — ס׳זאָל זיין פאַרפאַלן? וואו וועט זי נעמען אויף אָפּצוגעבן?

— זי מוטשעט זיך נעבעך, — זאָגט דער יצר-טוב, — און צאָלט פאַר דיר שכר-לימוד . . .

— וואָס געהער זיך אָן מיט דיר שכר-לימוד ? — זאָגט דער יצר-הרע. — קויף דיר בעסער א פייפעלע פון ווייסע ליים מיט רויטע פינטעלעך, א מעסערל א שאַרפס מיט צוויי קלינגלעך און מיט א מעשענעם קאַסטן, אָדער גאָר א ביי-טעלע מיט א גוט שלעסל.

— וואָס וועסטו האַלטן אינעם ביטעלע ? — זאָגט דער יצר-טוב. — דעם דלות ?

— קנעפּלעך ! — זאָגט דער יצר-הרע. — וועסט אָנ-שטופּן א פול בייטעלע מיט קנעפּלעך, וועט מען מיינען, אז ס׳איז געלט, וועלן דיך אַלע יינגלעך מקנא זיין . . .

— וואָס וועט דיר ארויסקומען פון דעם ? — זאָגט דער יצר-טוב. — אָט פאָלג מיך, צעטייל גאָר דאָס געלט פאַר אָרעמעלייט, טו צדקה, וועסטו פאַרדינען א מצוה, אָרעמע-לייט נעבעך גייען-אויס פון הונגער.

— אָרעמעלייט ? — זאָגט צו מיר דער יצר-הרע. — ביסט אַליין אן אָרעמאַנס א יינגל. ביסט אַליין תמיד הונ-געריק. איטלעכער איז א ווּתרן אויף יענעם. פאַרוואָס האָט דיר קיינער ניט געגעבן, אז ד ו האָסט ניט געהאַט, נישט היינט גערעכט ? . . .

שיעור-שיעור האָט מיך דער יצר-הרע איינמאָל ניט אי-בערגערעדט.

אין חדר האָב איך געהאַט א חבר — יואליק, א נגידס א יינגל. ער פלעגט האָבן תמיד פולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן, נאָר יענעם געבן האָט ער פיינט געהאַט ; מ׳זאָל זיך אויסציען פאַר אים — נישט א שמעק ! פלוצעם האָט זיך

יואליק עפּעס אָנגעהויבן צו מיר שטאַרק צושאַרן, צושמייכלען, געוואָרן מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ביסט אַ וואויל ייִנגל, ווי איך בין אַ ייִד. איך האָב דיך ליב נאָר דערפאַר, וואָס האָסט פיינט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: גיב מיר אַ שטיקעלע! גיב מיר אַ פּיצעלע! אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די בעטלערס! אַ שטיקל קאָנפעקט ווילסטו?

— אַ שטיטל טאָנפעט? — זאָג איך. [כ׳האָב ניט געקאָנט אויסריידן קיין „קוף" און קיין „גימל".] — פאַרוואָס ניט?

— נו, זאָגט ער — און ניסלעך אַ צוויי וואָלסטו געקנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך — פאַרוואָס ניט? איך זאָל האָבן, וואָלט איך דערטנאַט.

יואליק לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע. איך מיין, אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבן מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקל און ניסלעך דריי . . . אויב דו וועסט זיך מיט מיר בייטן. וועסט זיך בייטן?

— בייטן? — זאָג איך — מיט וואָס וועלן מיר זיך בייטן?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבן דאָס מעסערל מיינס. דו ווייסט דאָך מיין ווייס מעסערל? אָן אַמתדיקס, אַ זאָוויאַלאָוום!

אַ חידוש אַביסל, אויב איך ווייס יואליקס מעסערל! ווער ווייסט ניט יואליקס מעסערל? וויפיל מאָל האָב איך דאָס געזען אין חלום! . . .

— נו, און איך? — זאָג איך — וואָס זאָל א י ך דיר געבן דערפאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבן דיין זיל-בערנעם פּערציקער.

— נעם! — זאָגט צו מיר דער יצר-הרע. — נעם, ס׳איז אַן אַנטיק פון אַ מעסערל. אַלע ייִנגלעך וועלן דיר מקנא זיין...

איך וויל אַרויסנעמען געלט; נאָר באַלד פאַרכאַפּ איך מיך.

— אַ חכם אַ ייִד! — זאָג איך. — פאַר אַ פּערציטער טאָן מען שוין טויפן אַ נײַ מעסערל.

— אָט אַזאַ מעסערל? — זאָגט יאָליק. — פּורים נאָכן קאַלטן קוגל!... שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? איך גיב דיר צו אַ האַלב טוץ קנעפּלעך ביינערנע.

— פאַר דעלט — זאָג איך — טאָן מען טויפן צען טויזנט טוץ קנעפּלעך.

— נו, — זאָגט ער — און קאָנפעטן און ניסלעך איז קיין געלט ניט? איך זאָג דיר צו, אַלעמאָל, ווען דו וועסט בעטן, גיב איך דיר, ווי איך בין אַ ייִד. אָט האָב איך אַ טשוואָק אַן אײַזערנעם, זעסטו? — שענק איך דיר אוועק דעם טשוואָק אומזיסט. דו זעסט וואָסער אַ טשוואָק?

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — טשוועטעס?

— ער וועט דיר — זאָגט ער — צונויף קומען, נאַרעלע. קאָנסט אים פאַרשלאָגן וואו דו ווילסט. קאָנסט מיט אים אויסגראָבן אַ גריבל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דראָבן דריבלעך?

— איך וועל דיך — זאָגט ער — לאָזן דאַווענען אין מיין סידורל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דאַוונען אין פרעמדע סידורים?

— איך וועל דיר געבן — זאָגט ער — אָנמעסטן מיין שבתדיק קאַשקעטל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — מעסטן פרעמדע טאַשטעטן?

— ווילסטו ניט? נאַ זשע דיר? — מאַכט יואליק און דערלאַנגט מיר אַ בוכענציע אין זייט אַריין. — געפעלט אייך אביסל אַ קבצניוק? איך גיב אים אַזוי פיל זאַכן: אַ מעסערל, און קנעפּלעך, און קאָנפעקטן, און גיסלעך, און אַ טשוואָק, און אַ סידורל, און אַ היטעלע אָנמעסטן — וויל ער נאָך ניט! אַ קבצנישע קישקע — וויפיל מ׳לייגט אין איר ניט אַריין, איז ווינציק. ער מיינט, אַז ער האָט אַ זילבערנעם פּערציקער, איז ער שוין אַ גאַנצער יאַ-טובי-דאַם! וואַרט אויס, טאַפּעלע טוטאַריטו, וועסט אַמאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויס-פאַלן באָקאָם!... נחמיה, נאַ, איך שענק דיר אוועק דעם טשוואָק!...

יואליק שענקט-אוועק דעם טשוואָק נחמיהן (אַן אָרעם יינגל, וואָס הינקט אויף אַ פיסל), און מיט מיר ווערט ער אויס חבר.

(די פּאָן)

מיר איז גוט — כ׳בין אַ יתום:

אונדזער שכנה, פעסי די גראָבע, האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, ווי אַ קלעשטש, כ׳זאָל דערווייל זיין ביי איר, ביי פּעסין הייסט עס.

— וואָס וועט אייך אַרן? — האָט זי געטענהט. — ס׳גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט זיין אַ דרייצנטער... פּעסי איז נישט קיין גבירטע. איר מאַן איז אַן איינבינ-

דער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פאַרן בעסטן באַלמע־לאָכע. דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מ׳דאַרף נאָך האָבן מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסי צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. פאַר אַ סימן נעמט זי מיך. אָט בין איך אַ יתום, און אַלע ווילן מיך. פאַראַן בעלנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק, נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן עצה מיט מיין ברודער אליהו.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זיין דערווייל ביי פּעסין?

מיין ברודער אליהו איז שוין אַ גרויסער. אַניט, וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריינע, נאָך ניט באַוואַקסענע, פּנים, גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— מהיכא־תיתי, אַבי ער זאָל ניט זיין קיין שייגעץ.

און ס׳בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונדזער שכנה פּעסי, נאָר בתנאי, אַז איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אויפן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פונעם גלחס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפלויפן — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן ביי לייבקע דעם וואַסער־פירער דעם צאַפּן פון דעם פאַס, ס׳זאָל אויסלויפן העכער האַלב וואַסער — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ.

— דיין גליק, וואָס דו ביסט אַ יתום! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער־פירער. — אַניט, וואָלט איך דיר איבער־געבראָכן אַ האַנט מיט אַ פוס! מעגסט מיר גלויבן אויף נאמנות.

איך גלויב אים אויף נאמנות. איך ווייס, אַז איצט

וועט ער מיך ניט אַנרירן, ווייל איך בין אַ יתום.
מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

אונדזער שכנה פּעסי, זאָל מיר מוחל זיין, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען ביי איר צום טיש. לויט מיין רעכענונג, בין איך דער פּערצנטער. אַפּנים, זי האָט פאַרגעסן אַריינרעכענען דעם בלינדן פּעטער ברוך. און אפשר האָט זי אים ניט אַריינגעשטעלט צווישן די עסערס דערפאַר, ווייל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין ניט אויף צו קייען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן. קייען קאָן ער נישט, דערפאַר אָבער שלינגט ער, ווי אַ גאַנדז, און כאַפּט. אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז חוץ לדרך הטבע. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך. מיט די פיס אונטערן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פון אַלע שלאָגט זיך ושתי. ושתי איז אַ רוצח. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר מחמת ער האָט אַ גוליע אויפן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „ושתי". אַלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמען: „קלעצל", „קאָטער", „טשער-נאָהוז", „בופלאַקס", „פּעטעלעלע", „געב-מיר-נאָך", „שמיר-מיט-פּוטער" . . .

האָט קיין יסורים ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זיין שורש. פיני הייסט „קלעצל" דערפאַר, ווייל ער איז גראָב און קיילעכיק, ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופט מען אים „קאָטער". חיים איז אַ בופלאַקס, הייסט ער „בופ-לאַקס". מענדל האָט אַ שפּיצעכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָ-הוז". „פּעטעלעלע" האָט מען אַ נאָמען געגעבן פייטלען דערפאַר, ווייל ער קאָן ניט רעדן. בערל איז אַ גרויסער נאַ-שער: אַז מ׳גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „געב-מיר-נאָך". זרחן האָט מען געגעבן אַ מיאוסן נאָמען „שמיר-מיט-פּוטער" איבער אַ מיאוסן חיסרון, וואָס ניט ער

איז שולדיק. שולדיק קאָן זיין איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פארלאָזט און קינדוויז ווינציק געצוואָגן. און אפשר איז זי אויך נים שולדיק? איך וועל זיך נים גיין שפּארן. שלאָגן זיך אוודאי נים! קורץ, ס׳איז א שטוב, וואָס יעדער האָט א צונעמעניש. וואָס דארפט איר מער — די קאַץ, שוין גאָר א שטומע צונג, שוין געווים גאָט די נשמה שולדיק, הייסט זי ביי זיי: „פייגע-לאה די גבאיטע". איר ווייסט, פארוואָס? דערפאר, וואָס זי איז א גראָבע, און פייגע-לאה, נחמן דעם גבאים ווייב, איז אויך א גראָבע. — — —

זיי האָבן שוין איינמאָל אָנגעטאָן „פייגע-לאה די גבאיטע" א יארמעלקע. ס׳פארשטייט זיך, אז זיי האָבן איר די יארמעלקע אונטערגעבונדן מיט צוויי בענדלעך און האָבן זי געלאָזט לויפן. אחוץ דעם, האָבן זיי איר אָנגעהאנגען אויפן עק, אפנים, פון שיינקייט וועגן, א פלעדערוויש. די יארמעלקע איז געווען פאר איר, ווייזט אוים, אביסל צו גרויס, האָט דאָס איר פארשטעלט די אויגן, און דעם פלעדערוויש קאָן זי נישט ליידן. האָט זיך „פייגע-לאה די גבאיטע" גע-לאָזט לויפן משוגענערוויז, דראפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, און האָט אָנגעמאכט ביי אלע שכנים מוראדיקע שאָדנס. — — —

וויפיל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאפּט פעטש דער-פאר, זיי זאָלן נים רופן קיין קאַץ מיט א מענטשלעכן נאָמען? ווי אָן ארבעס אין וואנט! האָבן זיי געגעבן עמעצן א צונע-מעניש, איז פארפאלן!

מיר האָבן זיי א נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אזוי? „מאָטל מיט די לעפצן" . . . לעפצן איז א דייטשיש וואָרט. אויף אונדזער לשון הייסט דאָס „ליפּן". אפנים, זיי איז נים געפעלן מיינע ליפּן. זיי זאָגן, אז איך עס, מאך איך מיט

די ליפּן. איך וואָלט וועלן זען יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאַכן מיט די ליפּן! איך בין ניט פון די האָנאָריסטן, וואָס מ׳טאָר זיי ניט אָנרירן זייער כבוד, נאָר איך ווייס ניט פאַרוואָס — מיר איז דאָס צונגעמעניש שטאַרק נישט געפעלן! און ווייל ס׳איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דווקא אַזוי. איינגעגעסענע ברואים — איר האָט נאָך אַזעלכעס ניט געזען! פריער האָב איך ביי זיי געהייסן: „מאָטל מיט די לעפצן". נאָכדעם: גלאַט „מיט די לעפצן". שפּעטער: „די לעפצן". נאָך שפּעטער: „לעפצן".

— לעפצן! וואו זענט איר געווען?

— לעפצן! ווישט אָפּ די נאָז!

ס׳פאַרדריסט מיך און ס׳ברענט מיך, און איך וויין. דערזעט דער פאָטער זייערער, פּעסים מאַן, משה דער איינבינדער, איינמאָל, אַז איך וויין, פרעגט ער מיך: וואָס וויין איך? זאָג איך אים: ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך הייס מאָטל און מ׳רופט מיך „לעפצן"! פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „ושתי". וויל ער שלאָגן „ושתין", זאָגט „ושתי": ס׳איז ניט איך, ס׳איז „קלעצל". וויל ער שלאָגן „קלעצלען", זאָגט „קלעצל": ס׳איז ניט איך, ס׳איז „קאָטער".

איינער אויפן אַנדערן, דער אַנדערער אויפן דריטן — אַ מעשה אָן אַן עק! איז זיך מיישב דער פאָטער, משה דער איינבינדער, און לייגט זיי אַוועק אַלע איינציקווייז און שמייסט זיי אָפּ מיט אַ טאָוול פון אַ „קרבן-מנחה" און זאָגט זיי:

— ממזרים! איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי צו לצעווען פון אַ יתום! ס׳וועט אַ רוח אין אייער טאַטנס ערד אריין! . . .

אַט אַזוי. יעדער נעמט זיך אָן מיין קריוודע. אַלע, אַלע שטעלן זיך איין פאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום . . .

(מאָטל פּייסי דעם חזנס)

אין יענער צייט:

קאָנסטיטוציע . . .
אַרויסגעראַטעוועט
מאַשע באַשעוויטש
דער רויטער זונטיק
אַ נס . . .

קאָנסטיטוציע . . . :

ביידע זייטן טראָטוארן און די גאַנצע גאַס אינמיטן זע־נען געפּאַקט מיט מענטשן. און די פּנימער פון די מענטשן לייכטן. און אָנגעטאָן איז מען יום־טובדיק. און רויטע בענד־לעך האָט מען זיך צוגעשפּיליעט אויפן הארצן. און רויטע פאָנען האָט מען אויפגעהאַנגען אויף די מויערן פון די היי־זער, רויטע טישטעכער האָט מען אויסגעהאַנגען אויף די באַלקאַנעס, רויטע קווייטן אויף די פענצטער. אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מיידל מיט אַ רויט זיידן טיכל אויפן קאָפּ. אין איין מאָמענט רייסט זי אַראָפּ פון קאָפּ דאָס רויטע טיכל, צע־רייסט דאָס אויף אַ סך קליינע שטיקלעך, צעטיילט זיי צווישן די סטודענטן, וואָס רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטן און רייסן די רויטע שטיקלעך ביי איר פון די הענט. אַלע זענען יום־טובדיק, פריילעך, אָבער ערנסט. ס'איז פאָרגעקומען עפּעס אַ גרויסע, אַ מוראדיק־גרויסע זאַך . . . — — — —

אַ מבול פון מענטשן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איי־נעם מיט די גאַסן, און צוזאַמען מיט די גאַסן זענען זיי גע־וואַקסן און באַוועגט זיך. ניט מענטשן זענען געגאַנגען, נאָר גאַסן, גאַנצע גאַסן, און קעפּ, געדיכט ווי זאַנגען אין פעלד, האָבן זיך געוויגט קוים־קוים, ווי ס'וויגן זיך די זאַנגען פון אַ קליין לייכט ווינטל, און פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ, און די באַלקאָנען פון די הייזער מיט די דעכער און

מיט די פענצטער זענען געווען באהאנגען מיט רויטן און באַ־
זעצט מיט מענטשן, און אַלצדינג איז געווען צונויפגעגאָסן אין
איינעם: מענער און פרויען און קינדער, און קריסטן און
יידן. און שטיל איז געווען און יום־טובדיק, ווי יום־טוב אין
אַ מקום קדוש. און קיין זכר פון פּאָליציי איז נישט געווען.
און כאָטש ס׳איז געווען אַן אָקטאָבער־טאָג, האָט די זון גע־
מאַכט שלום מיט דער ערד צוליב דעם גרויסן יום־טוב אויף
דעם דאָזיקן טאָג און האָט געלויכטן, געשיינט און געוואַ־
רעמט, ווי אינעם שענסטן זומער־טאָג. און פון די זייטיקע
גאַסן זענען אויסגעוואַקסן נייע ימים פון מענטשן מיט פאָנען
און האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינעם גרויסן מבול פון קעפּ,
און אַלע אין איינעם האָבן שטורעמדיק באַגריסט דעם גרויסן
יום־טוב, דעם ערשטן פרייהייטס־טאָג אינעם גרויסן לאַנד . . .

פּלוצעם, גאָר אומגערעכט, האָט זיך דערהערט אַ קנאַק
פון אַ סך ביקסן, מ׳ווייסט ניט פונוואַנען, פון וועלכער זייט,
און דער מבול פון קעפּ האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז,
ביסלעכווייז, צו וויגן, און אַלץ האָט באַקומען אַ מאָדנע
אויסזען.

ווי פון אַ זיסן שלאָף, ווי פון אַ גוטן חלום, האָט מען
זיך אויפגעכאַפּט, און אַ קאַלטער שרעק האָט אַרומגענומען
אַלעמען, און צווישן דעם פאַרגליווערטן עולם איז מיטאָמאָל
אויסגעבראָכן אַ פּאַניק, אַ בהלה, אַ לויפעריי און אַ שפּרינ־
געריי איבער קעפּ, אַן ערד־טרעטעניש . . . — — — —

טרויעריק, זייער טרויעריק, האָט זיך אויסגעלאָזט דער
טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גליקלעך, אַזוי פריילעך,
און שטיל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד די טונקעלע
נאַכט און האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פליגל אויף דער

מרה-שחורהדיקער וועלט. נאָך דעם צו-פרייליכן און גליק-לעכן טאָג, האָט די נאַכט אויסגעזען ווי אַן אלמנה, אַנגעטאָן אין שווארצן. שטיל איז געווען ארום און ארום. קיין דורכ-גייער, קיין דורכפאָרער. אלע טעאטערן זענען געשלאָסן. אלע רעסטאָראַנען זענען געשפּארט. אויסגעלאָשן זענען די ליכט אין די גאַס-לאָמפּן. ס'איז חושך און שטיל. ווען-נים-ווען לאָזט זיך הערן אַ וויטער הילך, אַן אָפּקלאַנג פון אַ הייזעריקן „הורראַ", אַ קול פון אַ געשלאָגענעם, אַ גוואַלד פון אַ סך מענטשן, אַ געזאַנג פון אַ שיכור, וואָס רייסט זיך דורך און ווערט פארשטאָרבן, און ווידער ווערט שטיל... — — —
שטיל, פינצטער, חושך! זי וויל ניט דערציילן, די שטילע פינצטערע חושכדיקע נאַכט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דאָרט, אין די חושכדיקע, אָרעמע, שמוציקע יידישע הייזער און הייזלעך, ביי די דערנידעריקטע, אָרעמע, הונגעריקע, אום-גליקלעכע, נאַקעטע און באָרוועסע, פאַרוואָרפענע, פארגע-סענע און דערשלאָגענע. . . — — —
און זי שווייגט די נאַכט.
זי וואַרט אויפן ליכטיקן פרישן פרימאָרגן. ער וועט קומען, דער געוויינטשטער ליכטיקער פרימאָרגן. ער וועט קומען און מ'וועט עס אלצדינג דערציילן — אין פריידן.
(אין שטורעם)

ארויסגעראַטעוועט:

איינמאָל, ס'איז געווען נאָך האַלבע נאַכט. פינצטער. שטיל. לאַנגזאַם לאָזט זיך הערן דער טיק-טאַק אין הויף. דאָס איז דער פּאַטרול, וואָס מעסט די טריט איבער די שטיי-נער. פּלוצעם הער איך אַ רעש פון טריט. אַ סך טריט. וואָס קען דאָס זיין? ס'קלינגען שליסלען. ס'הערן זיך

קולות. אַ פּייערל פון אַ לאַנטערנע טוט אַ שיין־אריין צו מיר אין קעמערל און ווערט פאַרשוואונדן. סקריפּ־סקראַפּ! ס׳ריגלט זיך אָפּ דער לאַנגער אייזן. מיט אַ קרעכץ עפנט זיך די טיר. אויפן שוועל דערזע איך אונדזער אויפזעער. דאָס פּייערל פון לאַנטערנע באַלייכט זיין פאַרקילט פּנים. הינטער אים — דער פּאַטרול־סאָלדאַט, עטלעכע וועכטער.

— נעמט צונויף די זאַכן און קומט.

כ׳טראַכט מיר: דאָס איז אַ גרוס פונעם מלאך־המות...

איך טו־אָן די שטיוול. מיר גייען. פרעגן ביי די לייט איז נישטאָ וואָס, זיי זענען שטום. אַ לאַנגער שפּאַציר איבערן קאָרידאָר. מיר זענען אין הויף. אַ קאַלטער שטראָם פון פרישע לופט. איך באָד מיך אין דער קילער לופט, ווי אין אַ ביטל. מיר גייען דורך דעם טורמע־הויף. די וועכטער שפּאַ-נען, קוקן אויף אונדז קאַלט, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. זיי טראַכטן נישט וועגן מענטשן, וואָס מ׳פירט זיי צו דער תליה. זיי טראַכטן וועגן זיסן שלאָף. מיר זענען שוין אין צווייטן הויף. דאָרט איז די „קאַנצעלאַריע" און דאָרט וואוינט דער אויפזעער. ער האָט אַ פרוי, כ׳האָב זי געזען. איר פּנים זאָגט, אַז זי געפינט זיך ניט אין טורמע. די טורמע איז ביי איר אַ גרויסע שטייג. די אַרעסטאַנטן זענען גענדז, אַלע טאָג קומען צו פרישע גענדז. די גענדז האָדעוועט מען און מ׳טראָגט זיי אָפּ צום שוחט. ווער קימערט זיך פון דעם? ווער האָט אַ רחמנות אויף אַ גאַנדז? ווער האָט טענות צו אַ שוחט? דערויף זענען זיי גענדז, מ׳זאָל זיי שעכטן. דערויף איז אַ שוחט, ער זאָל שעכטן... — — — —

ס׳איז ליכטיק אין צוויי פענצטער נאָר. דורכן פענצטער זע איך אַ הויכע פיגור אין זשאַנדאַרמסקע קליידער — גרויסע וואָנסעס, גאָלדענע ברילן. נאָך די עפּאָלעטן שיינט דאָס צו זיין אַ קאַפּיטאַן אָדער אַ ראָטמיסטער. זיצט אַ פּוס איבער

אַ פּוס, רויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַנטקעגן אים — אַ שרייבער, אָנגעבויגן איבער אַ פּאַפּיר. אויפן גאַנעקל זיצן פינף סאָל־דאַטן פרעמדע אין פאַרשידענע פּאָזן. איינער ציט אַ פּאַ־פּיראָסל פונעם אַרבל. שלינגט דעם רויך מ׳זאָל ניט זען. ריידן זיך איבער שטיל. ס׳הערט זיך אַ סמאָצקען מיט די ליפּן, און באַלד נאָך דעם — אַ טאַפּען פון פערד. ס׳קאַ־טשען זיך רעדער. דאָס איז צוגעפּאָרן די באַקאַנטע גרויסע קאַרעטע גלייך צום גאַנעק. אויפן קוטשער־זיץ האָב איך דער־קענט סעליוואַן דעם קוטשער. אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, אַ באַוואוסטער רשע. פון דער ווייטן זע איך גיין אונדזער אויפזעער און וועכטער. די שליסל קלינגען. די פינף פרעמ־דע סאָלדאַטן טוען זיך אַ כאַפּ־אויף פון די ערטער: סמירנאָ!!! מ׳פירט־צו צו דער קאַרעטע נאָך פאַרשוינען. איך קוק מיך איין — צוויי באַקאַנטע פיגורן; איינע מאַשע... די אַנדערע פיגור — אַ יונגער בחור פון אַ יאָר נײַנצן מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, בלוט און מילך, אַוורוטים רופט מען אים. נאָך איינער — אַן אומבאַקאַנטער אַרעסטאַנט. — — —

„סטראַיסיאַ!“ — הערט זיך אַ קול פונעם „אונטער“. אַלע פרעמדע סאָלדאַטן ציען זיך אויס. זיי רינגלען אונדז אַרום. אונדזער אויפזעער גייט אַרום מיטן זשאַנדאַרמסקי קאַפּיטאַן אויפן גאַנעקל. דער שרייבער לייכט זיי צו. דער קאַפּיטאַן ציט אויס די האַנט דעם אויפזעער. דער אויפזעער טרייסלט אים די האַנט. ער בויגט זיך אונטערטעניק. זייער אונטער־טעניק. ער בעט זיך ביים קאַפּיטאַן, ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ס׳האָט אַזוי געדויערט, און זאָל אים פאַרענטפערן. דער קאַפּיטאַן איז שטרענג. — — —

מיר זיצן שוין אין קאַרעטע. מיר מיט פיר סאָלדאַטן מיט בלויזע שווערדן אויף די בענק אינווייניק, פון פאָרנט. אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער קאַרעטע דער קאַפּיטאַן.

אויפֿן קוטשער-זיץ סעליוואַן מיט אַ סאָלדאַט. — — —
מיר זיצן אויף לאַנגע בענקלעך אין דער לענג פֿון דער קאַרעטע איינס קעגן דאָס אַנדערע. נעבן יעדן אַ סאָלדאַט מיט אַ בלויזן שווערד. איך קוק אויף מאַשען. קוים וואָס מ'זעט איר פּנים. זי לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון דעם יונגען אוורוטים. ריידן טאָר מען נישט. וואוהין מיר פֿאָרן — ווייסט קיינער ניט פֿון אונדז, נאָר איטלעכער פֿילט עפּעס, אַז ס'איז ניט צום גוטן. אַזוי פֿירט מען קעלבלעך אין אַ וואָגן צו דער יאַטקע. פֿילן זיי עפּעס? ... וויפֿיל צייט מיר פֿאָרן — ווייס איך אויך ניט. אָט דאַכט זיך אַ מינוט, און אָט דאַכט זיך אַ גאַנצע נאַכט. אַ נאַכט — אַ יאָר.
פּלוצעם — סטאָפּ! די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז שטיל. מ'הערט די פֿערד פֿאָרשקען, שמייסן מיט די עקן. ס'הערט זיך דעם קאַפּיטאַנס קול. ער איז אַרויסגע-שפּרונגען פֿון דער קאַרעטע. ער איז אונטער אונדז. ער בייזערט זיך אויפֿן קוטשער. סעליוואַן קריכט אַראָפּ, מיט אַ מי-שברך, פֿונעם קוטשער-זיץ און פֿרעגט, וואָס איז דאָ? „זעסט ניט וואָס דאָ איז? די אויגן זענען דיר אַרויס? בויג זיך איין. טו אַ קוק אַהער!" — אַזוי קאָמאַנדעוועט דער קאַ-פּיטאַן. וואָס האָט זיך דאָרט געקענט טרעפֿן, אַשטייגער? און ס'קומט אַזאַ מחשבה אין קאָפּ: אַך, ווען ס'פּלאַצט למשל, אַן אַקס! אָדער אַזוי עפּעס אַ צרה זאָל זיך טרעפֿן: ס'זאָל ווערן אַ בהלה, אַ שטיקל מהומה. עך, באַפֿאַלט מען דע-מאָלט די סאָלדאַטן, מ'וואָרגט זיי אויס איינציקווייז. איך אַליין נעם זיך אונטער דריי דערשטיקן, ווי די קעצלעך... די סאָלדאַטלעך אָבער זענען באַקאַנט, אַפּנים, אונדזערע מחשבות. זיי זיצן שטרענג מיט די בלויזע שווערדן. זיי לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון אונדז. מיטאַמאָל הערט זיך אַ פֿאַל אויף דער ערד. נאָכן פֿאַל הערט זיך אַ כראָפּען.

עמעצער רעדט: „בינד אים צונויף!... אָט אזוי... דעם זאַק פון אויבן... אָט אזוי, אָט אזוי... לאָמיר אים נע־מען... חברה, אין קאַרעטע אריין... אָט אזוי, אָט אזוי"... איידער מיר קוקן זיך ארום, עפנט זיך אויף דאָס אייזערנע טירל פון דער קאַרעטע. ס'ווערט אריינגעוואָרפן עפּעס א שווערע זאַך אין אונדזער אָפּטיילונג פון דער קאַרעטע. אין א מינוט זיצן שוין אויפן זאַק דריי סאָלדאַטן. דער קאַפּיטאַן שפּרינגט אריין צו אונדז. ער טוט א ריס פון זיך די גרויסע וואָנסעס מיט די גאָלדענע ברילן. ער רופט זיך אָן צו אונדז:

— חברים! איך באַגריס איַיך, איר זייט פריי!

(אין שטורעם)

מאַשע באַשעוויטש:

ליפּע באַשעוויטש זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דער וועלט, ביז איינער וועט זיך אַמאָל דערמאָנען זאָגן א גוט וואָרט איבער זיינע קינדער, וואָלט ער באַדאַרפט לאַנג וואַרטן. און דאָ וואַקסט ביי אים אזא מאַשע, וואָס „זינט גאָט האַנדלט מיט מאַשעס האָט ער נאָך אזא מאַשע ניט געהאַט"...

— ערשטנס, איר טון, איר אַרבעטן, גילדענע הענט! היינט איר לערנען!... גאָלע פינפן!... איר האָט געזען איר אָטעסטאַט? ניין נאָך? איך האָב איַיך נאָך נישט גע־וויזן? אָט וועל איך איַיך ווייזן, וועט איר זען אן אָטעס־טאַט! און אַליין, אַליין פון זיך. אז איך זאָג איַיך, ס'איז א מאַשע פון גאָט! שוין איינמאָל אַ מאַשע!

אזוי האָט געקלונגען ליפּע באַשעוויטש איבער אַלע שכנים און באַקאַנטע, פאַרשלאָגן אַלעמען דעם קאָפּ מיט זיין מאַשע. און ווער שמועסט, אז מאַשע האָט געענדיקט די גימ־נאַזיע און האָט געבראַכט אַהיים א גאָלדענעם מעדאַל, איז

דער אָרעמער פֿאָטער שיעור ניט אַראָפּ פֿונעם זינען און שיעור ניט משוגע געמאַכט אַלע שכנים מיט אַלע באַקאַנטע און אומ־באַקאַנטע. איטלעכן באַזונדער האָט ער אָפּגעשטעלט, געוויזן דעם מעדאַל און דערציילט, ווי אַזוי זיין מאשע לערנט, ווי אַזוי זי האָט אויסגענומען ביים דירעקטאָר און ביי די לערער און ווי אַזוי זי טוט און אַרבעט אין שטוב, לערנט מיט די קלענערע קינדער, און וואָס פֿאַר אַ פּאַפּיר זי האָט אַוועקגע־שיקט צום מיניסטער, וואָס זי, מאשע, אַליין האָט גע־שריבן . . . — — —

פֿריי האָבן אָפּגעאָטעמט די שכנים און באַקאַנטע פֿון ליפּע באַשעוויטש, אַז זיין טאָכטער מאשע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג. אַצינד, האָבן זיי גערעכנט, וועט זיי ליפּע לאָזן צורו מיט מאשען. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ מיאוסן טעות; זיי האָבן געמוזט באַקענען זיך מיט איר קאָרעספּאָנ־דענץ, מיט די בריוו, וואָס מאשע שרייבט צו אירע עלטערן פֿון פּעטערבורג. מערקווירדיקע בריוו! זי אַרבעט שווער און ביטער, נייט גרעט, אום צו פֿאַרדינען איר אויסקומעניש און שטודירט אויף דאָקטאָר. היינט שרייבט זי פֿון אַ נייעם לעבן, וואָס וועט גיך איינטרעטן אין גאַנצן לאַנד, אַ לעבן פֿון פֿרייהייט, פֿון גלייכהייט — קאָנסטיטוציע! אין יעדן בריוו רעדט זי פֿון קאָנסטיטוציע; ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שכנים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „קאָנסטיטוציע“, דאָס הייסט, אָנשטאָט ליפּע באַשעוויטש האָט מען אים אָנ־געהויבן רופֿן „ליפּע קאָנסטיטוציע“ . . .

חכמים האָבן זיך געוווּנדערט איבער ליפּע באַשעוויטשעס טאָכטער מיט איר קאָנסטיטוציע, און ליפּע באַשעוויטשעס טאָכטער האָט געאַרבעט מיט דער גאַל גאָרנישט אויף קאַטאָ־וועם איבער דער קאָנסטיטוציע און געגלויבט, אַז ניט היינט איז מאָרגן האָבן מיר זי, די שיינע, די ריינע, די געווינטשטע

קאנסטיטוציע! מ׳וועט זי אונדז געבן, האט מאשע באשע-וויטש געטענהט, א מבול פון בלוט וועט פארגאסן ווערן! דער מבול וועט פארטרינקען די זינדיקע ערד און אפשווענקען דעם גאנצן שמוץ, און ס׳וועלן זיך אויסלייטערן די הימלען, און ס׳וועט ארויסשיינען די זון, און ס׳וועט ווערן ליכטיק אין דעם גאנצן לאנד!

אזוי האט געפרעדיקט מאשע באשעוויטש אויף יעדן טריט און שריט צווישן יונגווארג און צווישן ארבעטער, און האט באקומען א נאמען אין די געוויסע קרייזן און איז גע-ווארן באליבט פונעם פראסטן פאלק. „אונדזער מאשע" — אזוי האט זי געהייסן אין די געוויסע קרייזן, און א סך זענען געווען גרייט צו גיין מיט איר אין פייער און אין וואסער און אין עק וועלט . . .

קיין בריוועטרעגער אין דער גרויסער שטאט פעטערבורג האט ניט אזוי פיל אויסגעמארשירט א טאג, ווי אונדזער מאשע באשעוויטש. אויפגעשטאנען אין דער פרי און אנ-געשריבן א פאר בריוו צו פארשידענע חברים איבער פאר-שידענע אנגעלעגנהייטן, האט זי זיך געלאזט גיין פון עק שטאט היפשע עטלעכע מייל אין אינסטיטוט, פון אינסטיטוט ווידער א היפשער מהלך אין דישאוועק, וואו מ׳קאן קריגן צו יעדער צייט דעם ביליקסטן מיטאג, און פון דארטן ווידער, א מייל צען, צו דער פאבריק אויף דער ארבעט, און פון דארטן צו באקאנטע, פון די באקאנטע צוריק אהיים אין עק וועלט אריין, מערסטנטייל צופוס. ווארעם אויף צו פארן אומעטום באדארף מען האבן רויטשילדס פארמעגן מיט קורחס עשירות . . . אזוי האט געזאגט מאשע באשעוויטש און האט געשפרייזט איבער פעטערבורג, ווי א גוט פערד, זיך ניט אפ-צושטעלן אויף קיין איין מינוט.

און וואס איז באשטאנען מאשע באשעוויטשעס אר-

בעט — האָט, אַ חוץ איר פּאַרטיי, אי דאָס גאָענטע, קיינער נישט געוואוסט און נישט גערדאַרפט וויסן — קאָנספּיראַ-ציע . . . נאָר פּאָליציי האָט דווקא געוואוסט, געוואוסט אַלע אירע שטיקלעך אַרבעט, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, און געזוכט זי מיט ליכט און נישט געקאָנט געפינען. — — —

פּלוצעם — סטוק-סטוק-סטוק! טראַך - טאַראַראַך! ס׳קלינגען די פענצטער, ס׳פּלאַצן די טירן. נאָך איין מינוט — און די שטוב איז פול מיט פּאָליציי. אַלע וואַכן-אויף, זענען טויט ווי די טויטע, ס׳ציטערן די ציין אין מויל. די אַלטע ניאַניע צלמט זיך, רופט גאָט צו הילף. אפילו דער קליינער זוזי, וואָס האָט נאָר וואָס געזען (אין חלום) אַזוי פיל וועלאָסיפּעדן מיט אַזוי פיל זייגערלעך, האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטעלע, אויפגעעפנט די גרויסע טיפע הימל-בלויע אויגן און אַ פרעג געטאָן ביי דער אַלטער שטיל:

— ניאַניע! ס׳ברענט? . . .

— ניין, קינד, ס׳ברענט ניט. ס׳ברענט ניט, גאָט איז מיט אונדז!

— וואָס דען? גזלנים? — פרעגט זוזי און דעקט זיך אָפּ און וויל אַריבערשפּאַנען מיט אַ׳פּוס אויף יענער זייט בעטעלע.

— ניין, קינד, נישט קיין גזלנים! — ענטפערט אים די ניאַניע און דעקט אים איין. — נאַ דיר גאָר גזלנים!

— וואָס דען איז?

— פּאָליציי! — ענטפערט אים די אַלטע ניאַניע, צלמט זיך און רופט יעזוסן צו הילף.

— וואָס-זשע גאָר ביינאַכט? — הערט זוזי נים אויף צו שטעלן איין פראַגע נאָך דער אַנדערער, און וויל נישט פאָלגן די אַלטע ניאַניע, וויל זיך נישט לייגן. זוזי וויל זען, וואָס איז דאָס אַזעלכעס פּאָליציי, און וואָס טוט זי דאָ, און

וואָס עפּעס ביינאַכט? און זוזי זיצט און קוקט, און זעט, ווי אַפּיצערן מיט גלאַנצנדיקע עפּאָלעטן מיט גאָלדענע קנעפּ עפּענען אַלע שאַפעס, מיט אַלע קאַסטנס, מיט אַלע טישן און טישקעסטלעך און מ׳בלעטערט ביכער, און מ׳פּאַקט פּאַ-פּירן . . . — — — און די טיאָטיע מאַשע שטייט שוין גרייט אָנגעטאָן מיטן היטעלע אויף די אונטערגעשאָרענע האָר, האַלט די הענט אַרונטער און רעדט מיט אַ שיינעם אָפיצער מיט שוואַרצע באַקנבערד, ווי קאָטלעטן, און ביי דער זייט שטייט אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק מיט אַן אַרבעס-קאָלי-רענעם אויבעררּאָק און רייבט זיך אַ האַנט אָן אַ האַנט . . .

און די טיאָטיע מאַשע גייט-צו צו זוזין און נעמט אים אַרום און דריקט אים צום האַרצן שטאַרק-שטאַרק, און קושט אים אין ביידע אויגן, אין שטערן, אין קאָפּ, און ס׳ווייזט זיך אים אויס, אַז אירע הענט זענען קאַלט און אירע אויגן זענען נאַס, און זי זאָגט צו אים מיט אַ שמייכל:

— זוזי! דו וועסט ניט פאַרגעסן די טיאָטיע מאַשע?

און זוזי כאַפּט אַרום דער טיאָטיע מאַשעס ווייסן האַלדז מיט ביידע הענטלעך און ער קושט זי איין מאָל און צען מאָל און צוואַנציק מאָל, און נאָך איין מאָל, און נאָך אַ האַלבן מאָל, און דעם לעצטן מאָל, און ס׳הערט זיך אַ שאַרף-שניידנ-דיקע שטימע פון אַן אָפיצער:

— פּאַרטיק! . . .

און אַלע שטייען-אויף, און אַלע זענען גרייט, און אַלע גיי-ען-אָפּ, אַלע אָפיצערן מיט די גלאַנצנדיקע עפּאָלעטן מיט די גאָלדענע קעפּ, און ביידע טיאָטיעס גייען אָפּ, און די קליינע מאַשע מיט די גרויסע קאַרעלן לייכט זיי צו, און דער פּאַפּאַ איז געבליבן זיצן, ציטערט ווי אַ בלאַט, און די מאַמע האַלט אים צו און וויינט, און אַלע קינדער זענען געבליבן שטיין און טרייסלען זיך און געניצן, ווילן שלאָפן, און נאָר די

טיאָטיע טאַמאַרע מיט דער טיאָטיע מאַשע זענען נישטאָ, און די אַלטע ניאַניע צלמט זיך, רופט יעזוסן צו הילף. און דער קליינער זוזי פאַלט מיטן שיינעם ווייסן פּנים אין די קליינע ווייסע קישעלעך און וויינט און וויינט און וויינט, ווי אַ פּיריעריקער פאַרשטענדיק געראָטן קינד קאָן וויינען . . .

(אין שטורעם)

דער רויטער זונטיק :

טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך אָנגעטאָן יום-טובדיק, מיטגענומען מיט זיך די ווייבער מיט די קינדער און באַוואַפנט זיך מיט הייליקע בילדער און איקאָנעס . . . קאָזאַקן זענען אַרומגעפלויגן אויף די פערד הין און הער אויף די הויפּט-גאַסן פון דער שטאָט. אַלע בריקן וואָס איבער דער „ניעווא“ זענען געווען באַדעקט מיט קאָזאַקן, אולאַנער, דראַגונער און אַנדערע מינים חיל. אפילו די פעסטונג פון דער שטאָט איז געווען גרייט, ווי ס׳געהערט צו זיין.

פּונקט ניין אַזייגער אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן צו ציען אַ שניר׳ל פון מענטשן פון אַלע „זאַסטאַוועס“ און געגאַנגען מיט די הייליקע בילדער, מיטן גלח אינמיטן, אָנגעטאָן אין גלחישע קליידער מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. קוקנדיק אויף דער פּראָצעסיע פון פרידלעכע מענער, פרויען און קינדער, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז עפּעס אַ הייליקער, אַ פּאַטריאָטישער יום-טוב. — — —

די אַלטע ניאַניע האָט לכּבוד זונטיק אָנגעטאָן זוזין אין זיינע יום-טובדיקע מלבושימלעך און איז געגאַנגען מיטן קינד אויפן שפּאַציר, ווי אַלע טאָג. דערזען מענטשן גייען אויף ביידע זייטן טראָטואַרן, האָט זיך די אַלטע ניאַניע געלאָזט מיטן קינד אַהין, וואו אַלע גייען. און וואָס ווייטער זיי

זענען געגאַנגען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן דער שטראָם פֿון מענטשן, און ס'האָט זיך געבילדעט אַ ים פֿון קעפּ. דער ים האָט זיך געצויגן און געטראָגן די מענטשן אַזוי ווי כוואַליעס, איינס איבערן אַנדערן, אַלץ ווייטער און ווייטער. און אַז די אַלטע ניאַניע האָט געוואָלט גיין צוריק, איז שוין געווען כמעט אוממעגלעך, און זי האָט זיך געטראָגן מיטן קינד קעגן איר אייגענעם ווילן אַהין, וואו אַלע. אויף איר פֿראַגע: וואוהין גייט מען דאָס? האָט זי באַקומען אַן ענטפֿער פֿון אַן אַרבעטער, וואָס איז געגאַנגען יום-טובדיק אויך מיט אַ קינד פֿון אַ יאָר זעקס ביי דער האַנט:

— מיר גייען בעטן.

— וואָס-זשע איז אַזוי פֿיל סאָלדאַטן? — פֿרעגט אים ווייטער די ניאַניע.

— פֿון אונדזער כבוד וועגן, אַלטיטשקע, פֿון אונדזער כבוד וועגן!

אַזוי ענטפֿערט איר דער אַרבעטער און ווערט פֿאַרטראָגן מיט דער כוואַליע מענטשן דורך אַן אַנדער כוואַליע, און די אַנדערע כוואַליע ווערט פֿאַרשוואונדן דורך אַ דריטער כוואַליע מענטשן. און די אַלטע ניאַניע האַלט-צו מיט דער לינקער האַנט זוזין און מיט דער רעכטער האַנט צלמט זי זיך און רופֿט יעזוסן צו הילף. דאָס האַרץ זאָגט איר נעבעך, אַז זי איז דאָ נישט גוט אַריין, זייער נישט גוט . . . און זי שטעלט זיך אָפּ, די אַלטע ניאַניע, מיטן קינד, ביי דער גרויסער פֿאַבריק, און נעמט דאָס קינד אויף די הענט, און זי דערזעט הייליקע בילדער טראָגט מען, און אַ גלח גייט גלחיש אָנגעטאָן, און הייליקע לידער, הערט זי, זינגט מען, — צלמט זי זיך, די אַלטע, און רופֿט יעזוסן צו הילף. — — —

נאָר זוזי דערהערט פּלוצעם — מ'שיסט; פֿרעגט ער ביי דער ניאַנע, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, וואָס מ'שיסט? ענט-

פערט אים די אַלטע, אַז ס׳איז אַ מנהג, אַלע יום-טוב שיסט מען . . . און זוזי קוקט זיך איין מיט זיינע טיפֿע בלויע אויגן און זעט, ווי מענטשן ליגן זיך, פֿרעגט ער ביי דער ניאַניע, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, וואָס מענטשן ליגן זיך? ענטפֿערט אים די אַלטע, אַז ס׳איז אַ מנהג, אַז מ׳בעט, דאַרף מען קניען . . . און זוזי קוקט זיך איין מיט זיינע טיפֿע בלויע אויגן און זעט, ווי מענטשן פֿאַלן, פֿאַלן . . . פֿרעגט ער ביי דער ניאַניע, וואָס זאָל באַדייטן, וואָס מענטשן פֿאַלן? און איידער די אַלטע ענטפֿערט אים, דערפֿילט זי אַ זעץ פֿון הינטן, אַ קלאַפּ פֿון פֿאָרנט און אַ דריקעניש, אַ שטיקעניש פֿון אַלע זייטן. און זי דערזעט, ווי מענטשן לויפֿן, שטופּן זיך, שפּרינגען איינס איבער דאָס אַנדערע, און זי דערהערט אַ מאָדנעם הילך, אַ געשריי, אַ געוויינעריי מיט אַ קוויטשעריי, מיט אַ הוקן, מיט אַ טיוקן און מיט אַ פּייפֿן, און זי צלמט זיך, די אַלטע, און רופֿט יעזוסן צו הילף. און מיט דעם זעלבן כוח, מיט דעם זעלבן שטראָם, וואָס ס׳האָט זי געבראַכט אַהער צו טראָגן, טראָגט דאָס זי צוריק, און זי האַלט דאָס קינד צוגעדריקט צום האַרצן, און זוזי האַלט זיך מיט ביידע הענטלעך ביי דער ניאַניעס האַלדז, קוקט צוריק און הערט ניט אויף צו פֿרעגן קשיות:

— למאַי מ׳לויפֿט, למאַי מ׳שרייט, למאַי מ׳שטופּט זיך, למאַי מ׳וויינט?

און די אַלטע קאָן אים נישט ענטפֿערן דערויף גאָר-נישט... זי פֿילט, אַז ניט די פֿיס אירע, נאָר די מענטשן טראָגן זי. וואוהין — ווייסט זי ניט. און אָט האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דעם שטראָם פֿון מענטשן גרויסע געזונטע פֿערד מיט ברייטע הינטנס און טרעטן אויף די מענטשן... און סאָלדאַטן זיצן אויף די גרויסע געזונטע פֿערד מיט מורא-דיקע פּנימער און מיט בלויזע שווערדן און מ׳שיסט, און

מענטשן פאלן, פאלן . . . און די דערהערט, די אלטע גיאניע, א זעץ פון אויבן, און א מאָדנער קוויטש רייסט זיך ארויס פון זוזין, און ער לאָזט אָפּ איר האלדז, און בויגט אָן דאָס קעפל אראָפּ, אראָפּ. און א ווארעם פליסיקייט דערפילט זי אויף איר האלדז, און בלוט, דערזעט זי, גיסט זיך פון איר האנט אראָפּ, און זי ווייסט נאָך ניט וועמענס בלוט דאָס איז, און זי זעט ניט, אז זוזיס קאָפּ איז צעהאקט, צעשפּאָלטן, און ס׳ווערט איר פינצטער אין די אויגן, און זי פאלט אנידער מיטן טויטן קינד אויף דעם ווייסן קאלטן שניי, וואָס איז באַ-פארבט מיט רויטן אומשולדיקן בלוט . . .

(אין שטורעם)

א נס . . . :

איך קום ארויס אין דרויסן — שוין שטאָק-נאכט; איך קוק מיך איין — די איבעריקע זענען אויך דאָ, דער גאנצער שפּיגל פון קרושניק, און דער רב מיטן קאזיאָנער רב, דער ראבינער הייסט עס, בתוכם. ביי יעדן שטייט זיך א זעלנער פון הינטן, אנגעוואָפנט מיט אן אָנגעלאָדענעם ביקס, און דער עלטסטער פון די זעלנער טוט א קאָמאנדעווע : „פאָרווערטס !“ — מ׳זאָל גיין, הייסט עס . . . גייען מיר שוין אלע אין איינעם, די גאנצע דעפּוטאציע, שטילערהייט, אָן ווערטער, וואָרעם רעדן טאָר מען דאָך ניט, ווי זאָגט איר : אָסור לדבר ! נאָר יעדן זיפץ מיט יעדן קרעכץ רייסט אויס א שטיק הארץ, אשטייגער, אזוי ווי, למשל, ראש-השנה צו מוסף פאר די תקיעות, האָט איר זיך צוגעהערט, ווי יידן קרעכצן ? מער פון אלץ האָט מיר וויי געטאָן דאָס הארץ אויף אונדזער רב, נע-בעך א ייד א זקן, א בן-שבעים — וואָס זאָג איך א בן-שבעים ? ער האָט באדארפט דעמאָלט, לויט מיין חשבון,

אַלט זיין גוטע פינף און זיבעציק — און אפשר, אַז אירט מיך שטאַרק בעטן, טאַקע אַלע אַכציק. — — — ער גייט זיך אַזוי, דער זקן, אויף צופריער, און מיר קרושניקער באַלעבאַ-טים, נאָך אים און מ׳זיפצט און מ׳קרעכצט און מ׳טאָר קיין וואָרט נישט ארויסריידן. — — — און איידער מיר קוקן זיך אַרום, זענען מיר שוין אויף דער טויטער גאַס, דאָרט, וואו מ׳גייט צום נייעם הייליקן אָרט. — — — מיר זענען שוין גאָרניט ווייט פונעם בית-עולם; אָט איז דער טויער, אָט איז דאָס „אוהל״, און אָט זענען מיר אַלע דאָ! — — — מיר טוען אַ קוק — ער איז אויך דאָ, דער שלים-מזל, אבאָ דער שוחט הייסט עס! ער און צוויי זעלנער מיט אים! וואָס טוט דאָ דער שוחט? גאָר אַ קלייניקייט; ער שטייט מיט אַ גראָב-אייזן אין האַנט און גראָבט אַ קרקע און וויינט, גיסט מיט טרערן . . . — — — דער עלטסטער פון די זעלנער האָט גע-געבן אַ קאָמאַנדעווע, און ס׳איז באַשאַפן געוואָרן, איך ווייס ניט פונוואַנען, עטלעכע זאַסטופעס מיט עטלעכע גראָבאייזנס, און מ׳האָט אונדז גענומען, איר פאַרשטייט צי ניין, און מ׳האָט אונדז אַוועקגעשטעלט, אָפּגעטרעטן איינס פון דעם אַנ-דערן עטלעכע טריט, גגעבן איטלעכן באַזונדער אַ זאַסטופּ אין האַנט אַריין און באַפוילן, מיר זאָלן מוחל זיין זיך גראָבן קברים, יעדער באַזונדער פאַר זיך אַ קרקע, מ ח מ ת נ י ט ש פּ ע ט ע ר ו ו י א י ן א פּ אָ ר ש ע ה א ר ו ם — אַזוי האָט מען אונדז געגעבן צו פאַרשטיין! — ו ו ע ר ן מ י ר ג ע ש אָ ס ן . . .

איר ווילט וויסן, ווי אַזוי מיר האָבן געפילט, בעת מ׳האָט אונדז אָנגעזאָגט דידאָזיקע בשורה טובה? איז פאַר יענע קען איך אייך ניט זאָגן, דאָס איז זייער עסק. נאָר פאַר זיך בין איך אייך ערב און איך שווער אייך בהן שלי, אַז גאָרנישט, אָבער טאַקע ממש גאָרנישט! דאָס הייסט, וואָס איז שייך גאָר-

נישט? אַ לעבעדיקער מענטש, אַ געזונטער און אַ שטאַרקער, מיט אַ ווייב מיט קינדער, גיט מען אים פּלוצעם אַ זאַסטופּ אין האַנט אַריין און מ'הייסט אים, איר פאַרשטייט צו גיין, ער זאָל מוחל זיין זיך אַליין אויסגראָבן אַ קרקע, מחמת אַט באַלד וועט ער געשאָסן! — — — דאָס באַדאַרף מען אַליין איבערלעבן; יענעם געבן צו פאַרשטיין איז אַרויסגעוואָרפן! — — —

איר ווילט דאָך וויסן דעם שפּיץ. איז קען איך אייך זאָגן אַזוי ווייט, אַז איך אַליין ווייס בסך-הכל גלייך מיט אייך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עפּעס אַ מהומה איז געוואָרן פּלוצעם, אַ טומל פון גאָט, אַ באַראַבאַנען פון פּויקן און אַ לויפעניש פון זעלנער און אַ טופּען פון פערד — רבונו דעלמאָ כולה! וואָס טוט זיך דאָ? אַן איבערקערעניש? סדום-ועמורה? ערד-ציטערניש? משיחס צייטן? עק וועלט? אין איין כהרף-עין זענען אונדזערע זעלנער פאַרשוואונדן געוואָרן, און מיר, קרושניקער יידן, זענען געבליבן איינע אַליין אויפן נייעם בית-עולם מיט די זאַסטופּעס אין די הענט — און שאַ! מיר האָבן פאַרשטאַנען, דאָס הייסט, פאַרשטיין האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען גאָרנישט ניט, למאי זאָל איך זאָגן אַ ליגן? נאָר דערפילט האָבן מיר מיט אַלע אונדזערע חושים, איר פאַרשטייט צו גיין, אַז דאָ איז עפּעס געשען אַזעלכעס, וואָס איז חוץ לדרך הטבע, טאָקע נאָר אַ נס מן השמים, און אַז מיר זענען ניצול געוואָרן פון אַ סכנה! נאָר פונדעסטוועגן, מיר זאָלן עפּעס קענען ריידן, עפּעס זאָגן איינס דאָס אַנדערע — דאָס לאָ! ס'האָט אונדז, איר פאַרשטייט צו גיין, אָפּגענומען די צונג — און שוין! און ווי איין מענטש, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך אויפגע-רעדט פון פריער, האָבן מיר אַוועקגעלייגט די כלי-זין, גענו-מען די פיס אויף די פּלייצעס, און, ווי זאָגט איר, הלך משה מרדכי — זיך געלאָזט גיין, פריער פּאַוואָלינקע, דערנאָך

אביסל גיכער, און דערנאָך לויפן, אָבער טאָקע לויפן, איר פאַרשטייט צי ניין, ווי מ׳לויפט פון אַ שריפה! — — —

און רעדן קענען מיר נאָך אַלץ ניט, און ווינן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — ווייסן מיר נאָך אַלץ ניט, נאָר מיר הערן ווי מ׳פּויקט און ווי מ׳לויפט און ווי מ׳שיסט, עפּעס טוט זיך. גאָט, אפנים, רעכנט זיך פאַר אונדז, ווי אין פּסוק שטייט: ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון — יאָ, מיר שווייגן, קענען נישט ריידן! דער ערשטער, וואָס האָט יאָ אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז געווען דער רב דער זקן. „קינדער! — האָט ער זיך אָנ-גערופן צו אונדז, קוקנדיק אַרויף, צו דער שיינענדיקער לבנה. — ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, זאָגט ער? אַז דער אויבערשטער, זאָגט ער, האָט יאָ אַזוי געפּירט, ער האָט רחמנות געהאַט אויף אונדזערע ווייב און קינדער, זאָגט ער, און מיר זענען אַרויס פון אַזאַ סכנה, קומט אים, זאָגט ער, מיר זאָלן אים מחדש זיין זיין לבנה, ס׳איז היינט די רעכטע צייט״ . . .

און נישט לאַנג געטראַכט, שטעלט ער זיך אַוועקעט אינ-מיטן שטאָט אַנטקעגן דער לבנה, דער רב הייסט דאָס, און מיר אַלע אַרום אים, און דער רב האָט אָנגעהויבן פריילעך אויף אַ קול „הללויה!״ און מיר אַלע נאָך אים, און וואָס ווייטער אַלץ לעבעדיקער, און אַז ס׳איז געקומען צום „כשם אני רוקד״, האָבן מיר אונטערגעשפּרונגען שוין גאָר לעבעדיק, ממש אונ-טערגעטאַנצט! — אַזאַ קדוש-לבנה, מעגט איר מיר גלויבן באמונות, האָט קרושניק נאָך ניט געהערט, זינט קרושניק איז קרושניק, און וועט שוין ניט הערן, דאַכט מיר, קיינמאָל! דאָס איז געווען, ווי זאָגט איר, שוין איין מאָל אַ קדוש-לבנה!

(מעשיות פון טויזנט איין נאַכט)

אינהאַלט:

זייט

יידישע גליקן:

גענדז 5
די „ירושה“ 7
דער „מוצלח“ 15
טביה ווערט רייך 17
מנחם-מענדלס „לאָנדאָן“ 21
מנחם-מענדלס „פּאַפּירלעך“ 24
מנחם-מענדל — אַ מעקלער 26
מיר פּאַרפּלייצן די וועלט מיט טינט 28

„שיינע“ יידן:

רב נתן קורח 35
דער בעל-טובה 37
איציקל שאַסטעפּאַל 40
יואל טאַשקער 42

„עמך“, שער און אייזן:

אַ „מענטש“ 47
קיין עין הרע ניט 50
אָדם הראשון מיט חוהן 52
חיים חייקין 54
ס׳גייט אַ צייט 57
מאָטל קאַמזויל 60

זייט

פעפערל 64
נחמיה דער שוסטער 69

יידישע ווייבער:

טעמע-ביילע 77
די באָבע מינדי 78
„דריי כאַראַקטערן“ 79
ניין מאָס רייד 82
אָפּגערעדט די לבנה 83
חוה דער יידענעס „אומגליק“ 84

יידישע קינדער:

באַגראָבן אַ פייגעלע 87
אוי, אַ פידעלע 88
געכאַפּט פיש 90
נח שניצלער 93
געכאַפּט אַ גנב 94
קאָפּל קוקאַריקו 97
מיר איז גוט — כ׳בין אַ יתום 102

אין יענער צייט:

קאָנסטיטוציע 109
ארויסגעראַטעוועט 111
מאשע באַשעוויטש 115
דער רויטער זונטיק 120
אַ נס 123